NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02096

# FAR YIDISHE KINDER

Yerahmiel Shtaygman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירחמיאל שטייגמאַן

# פאַר יידישע קינדער

## מעשהלעך וועגן שלמה המלך

אילוסטרירט דורך
א. גוטערמאַן

ווילנע 1931
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Rachmiel Sztejgman
DLA DZIECI ŻYDOWSKICH
Legendy o królu Salomonie

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“
Wilno.

זעצעריי ה. גרינבערג ווארשע, נאָוואָליפּיע 30
טעלעפאָן 239-23

# אינהאַלט:


זייט:

א. שלמה המלכס צייטן — — — — — 7

ב. גאָט שענקט שלמהן חכמה — — — — 10

ג. שלמהס קלוגער משפט צווישן צוויי ווייבער
מיט א טויט קינד 14

ד. מלך שלמה הערשט איבער מענטשן, חיות,
עופות און שרצים 18

ה. שלמה גיט אַ קלוגן ענטפער אויף פרעהס אַ שפיצל 22

ו. שלמה באַראַט זיך מיט זיינע יועצים וועגן דעם שמיר 25

ז. דעם מלכס שר, בניהו, גייט פאַנגען דעם אַשמדאַי 30

ח. בניהו פירט דעם אַשמדאַי אין קייטן — — 33

ט. דער אַשמדאַי שטייט פאַרן מלך שלמה — — 42

י. דעם מלכס קנעכט גייט צום אויערהאָן
נאָך דעם שמיר 45

יא. דער אַשמדאַי גיט צו פאַרשטיין זיין מאָדנע
אויפפירונג 50

יב. מלך שלמה האָט אויפגעבויט דעם בית־המקדש
און מאַכט אַ שמחה פאַר אַלע יידן 54

יג. דעם קעניגס קעפסווייב, פרעהס טאָכטער,
שיכורט אָן דעם מלך 57

יד. דער מלך פאַרבעט דעם מייסטער חירם,
ער זאָל אים אויפבויען אַ טראָן 61

טו. דער מלך רופט צונויף אַלע חיות און די טענה
פונם אויערהאָן 69

טז. שלמה שיקט אַ בריוו צו דער מלכה פון קיטור — 75

יז. שלמהס דינער זיינען מקבל־פנים די מלכה שבאָ — 82

זייט

יח. מלכּה שבאָ קומט צו שלמהן אין אַ קריסטאָ-
לענעם פּאַלאַץ 87

יט. מלכּה שבאָ פרעגט דעם מלך רעטעניש‏ן — — 89

כ. די מלכּה שבאָ פרעגט ווייטער אירע קלוגע רעטעניש‏ן 92

כא. דער מלכּהס לעצטע רעטעניש‏ן — — — 95

כב. שלמה המלך זאָגט, אַז צווישן טויזנט פרויען איז
נישטאָ קיין איינע אַ רעכטע 98

כב. אַמתי זאָגט צו דעם מלך צו ברענגען נועהס קאָפּ — 102

כג. אַמתי קומט אַהיים מיט אַ שווערן געמיט — — 105

כה. אַמתי קומט פאַרן מלך און דערציילט אים
פון זיין חרטה 112

כו. צוויי שטאַפּעטן קומען צו נועהן און רופן זי צום מלך 116

כז. שלמה גיט נועהן אַ בליינע שווערד צו טויטן
איר מאַן 120

כח. נועה וויל דערהרגענען איר מאַן און צעבריגט
די שווערד 123

כט. די זקנים באַשטעטיקן שלמהס קלוגע ווערטער — 126

ל. די מלכּה שבאָ רעדט-צו דעם מלך צו שפּאַצירן
אויפן לאַנד 129

לא. דאָס געזאַנג פון דער פּרוי — — — — 133

לב. אַביעזרס פּרוי נעמט-אויף די געסט און זינגט ווידער 137

לג. דער מלך ברענגט צו פירן אַ קעסטל
מיט אַ מייזעלע 142

לד. דער מלך גיט-איבער אַביעזרן און זיין ווייב
אָפּצוהיטן דאָס קעסטעלע 146

לה. אַביעזרס ווייב וויל וויסן, וואָס אין קעסטעלע
איז פאַראַן 150

לו. אַביעזרס ווייב האָט שלעכטע חלומות — — 153

לז. אַביעזרס ווייב ווערט קראַנק צוליבן קעסטעלע — 157

לח. אַביעזר עפנט פאַר זיין ווייב דאָס קעסטעלע,
און דאָס מייזל אַנטלויפט 162

לט. דער סוד פון דעם קעסטעלע — — — 166

מ. אונטער דעם שלייער פון שלמהס פרייד — — 169

מיט ליבשאַפט
מיין פריינד *אַהרן מאַרק*
געווידמעט.

## א. שלמה המלכס צייטן

ווייסט איר, קינדער, אַז פֿאַרצייטנס,
זייער לאַנג שוין, זיינען יידן
אין אַן איינן לאַנד געווען
און געלעבט זיך דאָרט צופֿרידן?

נישט ווי היינט, פֿאַרזאָרגטע מענטשן,
אויף דער גאַנצער וועלט צעשפּרייטע —
אייגענע געהאַט מלכים,
מיט פּאַלאַצן אויפֿגעבויטע.

און אַ גרויסן בית־המקדש,
רייך געפּוצט מיט גאָלד און שטיינער;
פֿלעגן אַלע יידן קומען —
(נישט געפֿעלט אַפֿילו איינער!)

יעדן יום־טוב זיך צו פֿרייען,
לויבן גאָט און דאָרטן זינגען,
אויף די פֿידלען, האַרפֿן שפּילן,
מיט די פּייקעלעך צו קלינגען.

אָדער ווען אַ ייד זיין צרה
האָט געוואָלט מיט עפּעס היילן,
שטיל אין ווינקל בית־המקדש
פלעגט ער אַלץ פאַר גאָט פאַרציילן.

און זיין תּפילה, ווי אַ טייבל,
פליען פלעגט צום הימל הויכן,
און געפאָכעט מיט די פליגלען,
ביז זי פלעגט צו גאָט דערגרייכן.

און געזאָרגט האָט גאָט פאַר יידן,
ס'זאָל פון פייגל־מילך נישט פעלן,
יעדע נאַכט פלעגט ער מלאָכים
שיקן אָפּהיטן די שוועלן.

און די פּירות, זאַפטיק־פולע,
פלעגן פון דיביימער ריידן;
אַז צעבליט האָט זיך אַ גאָרטן,
איז געווען טעם גן־עדן!

שטענדיק איז געווען דאָרט זומער,
קינדער פולע אין די גאַסן.
מיידלעך פלעגן שטענדיק לאַכן,
בחורים אייביק פלעגן שפּאַסן.

טאַטעס שטענדיק פֿלעגן שמייכלען,
מאַמעס גוטינקע, באַחנטע, —
און די פּנימער פֿון זיידעס
מיט גאָטס שכינה נאָר באַשיינטע...

אָט אין יענע אַלטע צייטן
פֿון די יידישע מלכים
האָט געלעבט דער מלך שלמה,
פֿון אַמאָל באַרימטער חכם.

שטיל אַרום איז. אַלע דינער
מוזן דאָך אַוודאי וויסן:
אַז דער יונגער, שיינער שלמה
חלומט אין זיין דרימל זיסן.

האַלט דער ווינט זיך אָפּ פון בלאָזן,
מ׳זאָל זיין ברומען נישט דערהערן...
שווייגט אַ פליג דאָרט אויך אין ווינקל,
כדי די שטילקייט נישט צו שטערן.

נאָר אַ האַרפן־קלאַנג אַ צאַרטער
וויגט דעם מלך איין אין חדר,
און אַ ליבער, גוטער מלאך
שפּרייט חלומות אויס כסדר.

אָבער פּלוצלונג — עס פאַרבייטן
די חלומות — פייער־רינגען...
האָט זיך גאָט פאַר אים באַוויזן
און זיין נאָמען אויסגעזונגען:

— שלמה, שלמה, יונגער מלך,
זאָג, דיין האַרץ נאָך וואָס טוט בענקען?
איין זאַך מעגסטו פון מיר בעטן,
און איך וועל זי גלייך דיר שענקען. —

טראַכט זיך שלמה אין זיין האַרצן:
אויף דער וועלט, וואָס איז דאָס גרעסטע?
וואָס אַזוינס ביי גאָט צו בעטן,
עס זאָל זיין דאָס סאַמע בעסטע?

זאָל ער בעטן אוצרות, זילבער,
גאָלד, בריליאַנטן גאַנצע בערגער?
וועט ער זיין ווי אַלע גבירים: —
גאָרנישט בעסער, אויב נישט ערגער...

אפשר גאָר אַ סך מדינות?
שטעט מיט לענדער, ימים, טייכן? —
וועט ער זיין ווי אַלע מלכים,
און ער וועט מיט זיי זיך גלייכן.

ניין! ער דאַרף אַזוינס גאָר בעטן,
אַז ער וועט פון גאָט עס נעמען, —
זאָל דער כבוד פון מלכים
און דאָס רייכטום זיך פאַרשעמען.

חכמה וועט ער ביי גאָט בעטן!
וועט אים גאָט מיט וויסן בענטשן,
וועט מיט יושר זיין זיין מלכות
און זיין משפט צווישן מענטשן!

וועט ער וויסן ווי צו פאָרשן,
קיין גערעכטער זאָל נישט ליידן;
וועט ער וויסן, אַז די שטראָף אויך
זאָל קיין זינדיקן נישט מיידן.

*

האָט דערהערט גאָט זיין בקשה
און געענטפערט מיט אַ שמייכל:
— שלמה, שלמה, פאַר דיר אָפן
אַלע טויערן פון שכל.

ווייל געבעטן האָסטו חכמה,
נישט צוליב דיין אייגננוצן —
וועסטו זיך אין רייכטום באָדן
און אין כבוד-צירונג פוצן.

פון מיין הימלדיקער חכמה
וועל איך דיר אַ חלק געבן, —
וועלן פאַר דיר קלאָר און אָפן
זיין די סודות פון דעם לעבן.

און פֿאַרשטיין וועסט אַלע שפּראַכן
פֿון די חיות, פֿייגל, שלאַנגען ·
אויך די ווינטן וועלן פֿאָלגן,
וואָס דו וועסט פֿון זיי פֿאַרלאַנגען.

און דיין נאָמען, ווי אַ צירונג;
אַלע וועלן פֿון דיר וויסן.
פֿון דער גאַנצער וועלט מלכים
וועלן קומען דיך באַגריסן.

און דיין נאָמען וועט נישט בלייבן
צווישן מלכים, טויטע טראָגנען —
אַלע מענטשן, אַלע דורות
וועלן אייביק דיך דערמאָנען. —

## ג. שלמהס קלוגער משפט צווישן צוויי ווייבער מיט אַ טויט קינד

אין די זאַלן פון דעם בית־דין
שוועבט אַרום אַן אימה:
ווייל צום משפט איז געקומען
היינט דער מלך שלמה.

גיט דער מלך באַלד אַ צייכן,
עפנט מען די טירן —
צו דעם משפט האָט מען פרויען
צוויי געבראַכט צו פירן.

קניען ביידע פאַרן מלך —
הייסט ער זיי צעשיידן;
איינע רופט ער צו זיך נענטער,
און זי הויבט אָן ריידן:

— אין איין חדר מיט דער שכנה
וואוין איך שוין פון יאָרן,
און מיר האָבן ביידע קינדער
אין איין צייט געבאָרן.

כאָר מײַן שכנה האָט פֿאַרגעסן,
אַז זי מוז עס היטן,
און אין שלאָף דערשטיקט דאָס קינד אירס
און אויף מײַנס פֿאַרביטן.

בעט איך איצטער, אַז דער מלך
זאָל זײַן וואָרט דאָ זאָגן,
און דעם יושרדיקן פּסק־דין
זאָל ער אַרויסטראָגן. —

שווײַגנדיק האָט דאַן דער מלך
אירע רייד פֿאַרנומען
און געגעבן נאָך אַ צײכן:
— זאָל די צווייטע קומען! —

דינער אויף באַפֿעל פֿון מלך
זײַנען ווי געפֿלויגן....
גלײַך די צווייטע פֿרוי געקומען
מיט פֿאַרוויינטע אויגן.

צו דער צווייטער זאָגט דער מלך:
— רעד, און איך וועל הערן! —
— אַז דאָס קינד, וואָס לעבט, איז מײַנס נאָר,
בין איך גרייט צו שווערן!

אַלץ, וואָס די מרשעת דערציילט דיר,
האָט מיט איר געטראָפן.
אָפן זאָל דיין גנאָד זיין, מלך,
ווי מיין האַרץ איז אָפן. —

שטאַרק פאַרקלערט האָט זיך דער מלך
און ער האָט געהייסן:
גלייך דאָס קינד, וואָס לעבט, דאָ ברענגען
און אַ שווערד אַ גרויסע.

און אויף צווייען זאָל מען שפּאַלטן —
ס'וועט דער יושר זיגן!
ביידע מאַמעס וועלן נאָכדעם
גלייכע העלפטן קריגן.

ס'איז די ערשטע פרוי מיט ספּאַזמען
פּלוצלונג אומגעפאַלן,
און אַ וויטאָגדיקער יאָמער
האָט פאַרהילכט די זאַלן:

— ליבער מלך!... גוטער מלך!...
זאָלסט מיין קינד נישט טויטן!
ווילסט מיר צריק מיין קינד נישט געבן,
גיב אַוועק אַ צווייטן.

דער משפט פון שלמה המלך

נאָר איך בעט דיך, האָב רחמנות
אויף אַ מאַמעס ליידן!
וועסט עס טויטן, דאַן אויף שטיקער
הייס מיך אויך צעשניידן! —

פון דער צווייטער פרוי די שמחה
האָט אַרויסגעשריגן:
— מיר נישט, דיר נישט, גוט, און זאָלן
ביידע גאָרנישט קריגן! —

קלאָר געוואָרן איז פאַר אַלע,
וואָסער קינד איז וועמעס —
ס׳האָט אַזוי דער קלוגער שלמה
אויפגעדעקט דעם אמת.

### ד. מלך שלמה הערשט איבער מענטשן, חיות, עופות און שרצים

שפּרייט די חכמה זיך דעם מלכס
וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער, ברייטער,
איבער ווייטע לענדער, פעלקער,
פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן.

אַלע וואונדערלעכע זאַכן
זיינען פאַר אים קלאָר און אָפן;
וואָס אַ סוד געווען פאַר איינעם,
האָט עס שלמה גלייך געטראָפן.

אויף דער גאַנצער וועלט דער קלוגסטער
מלך שלמה איז געווען,
אַלע הערצער און מחשבות
ווי אין בוך האָט ער געלעזן.

די נשמות פון די טויטע
פלעגט ער קענען אויסגעפינען.
אַלע מינים שדים, רוחות,
פלעגן קומען אים באַדינען.

וויאָרסטן־לאַנגע קאַראַוואַנען
שלעפּן אָפּ זיך גאַנצע יאָרן,
איבער סטעפּעס און מדבריות,
אויסצומיידן שלמהס צאָרן;

און מיט לויב־בריוו און מתנות,
זין און טעכטער, צום באַדינען —
קומען פּרעמדע רייכע פירשטן,
כּדי זיין חסד צו געווינען.

און אַפילו קליינע קינדער
פּלעגן שלמהן זען אין חלום,
ווי סע קומען אָן מלכים
און זיי גיבן אָפּ אים שלום.

טוט דער מלך שלמה תּפילה,
קומען תּיכּף אָן צום רוימל
פידלער, צימבלער, האַרפּן־שפּילער
און די פייגעלעך פון הימל.

זינגען מענטשן, אַלע ברואים,
הערט מען כּלערליי געזאַנגען,
ווי עס וואָלטן אין דער לופטן
הוילע סטרונעס נאָר געהאַנגען.

אין די קיכן פֿון דעם מלך
זיינען פֿייגל אָנגעפֿלויגן,
אַז דער מלך זאָל זיי עסן —
צו דעם שוחט זיך געצויגן...

פֿון די ווייטסטע ימים, טייכן
זיינען פֿישן אָנגעשוואוּמען,
מיט די העלדזער אויסגעשטרעקטע
זיינען בהמות אָנגעקוּמען.

פֿלעגט דער מלך גיין שפּאַצירן,
האָט ער הירשן אָנגעטראָפֿן,
אויף די גרינע וועגן, פֿעלדער
זיינען זיי פֿאָראויס געלאָפֿן;

און די לייבן פֿלעגן דעמאָלט
זיך מיט אַלע כּוחות יאָגן,
כּדי וואָס־שנעלער אָנצוקוּמען
און דעם מלכּס זאַכן טראָגן.

האָט געבערענט אַ זון אַ הייסע,
פֿלעגט דער מלך היץ דערשפּירן,
זיינען אָדלערס אָנגעפֿלויגן
מיט די פֿליגלען אים צו קילן.

דער מלך שלמה גייט שפאצירן

און דאָס גרעסטע גליק און תענוג,
וואָס מען האָט געקענט געפינען,
איז געווען צו צערטלען שלמהן
און מיט עפּעס אים צו דינען.



## ה. שלמה גיט אַ קלוגן ענטפער אויף פרעהס שפיצל

שיקט דער מלך זיינע שלוחים
העט, אַזש קיין מצרים.
בעט ער פרעהן, ער זאָל שיקן
קיין ירושלים

זיינע בעסטע מייסטער, מאָלער,
קינסטלער צום גראַווירן,
אַז די ווענט פון בית־המקדש
זאָלן זיי באַצירן.

קלערט זיך פרעה: קלוגער שלמה,
מלך בן מלכים!
איך וועל ווייזן דיר, אַז פרעה
איז נאָך מערער חכם.

הייסט גלייך פרעה — און מען נעמט באַלד
שטערנזעערס קלייבן —
די חרטומים, וואָס זיי קענען
אַלע כישוף טרייבן.

הייסט דערגיין דורך די סימנים,
דורך די כישוף־פֿאַרבן —
אַלע מענטשן, וועלכע מוזן
אין דעם יאָר נאָך שטאַרבן.

אונטער דר'ערד פֿאַראַן אַ קעלער,
ווייט פֿון מענטשנס אויגן —
האָבן טויזנטער מכשפֿים
זיך אַהין געצויגן.

האָבן זיי געצונדן פֿייער,
מתים אויפֿגעזאַמלט —
און געהיימע, מאָדנע פּסוקים
שטילערהייט געשטאַמלט.

און מיט סודותדיקן כישוף
האָבן זיי געקליבן
אַלע נעמען, וואָס צום שטאַרבן
האָט זיי גאָט פֿאַרשריבן.

לויט די נעמען אויפֿגעזאַמלט
אַלע אויסגעווײלטע —
און צו שלמהן אָפּגעשיקט זיי
מיט די טעג געציילטע.

ווען פאַר שלמהן אָנגעקומען
פרעהס מענטשן זיינען,
האָט ער נאָר אַ בליק געגעבן
און האָט גלייך פאַרשטאַנען

פרעהס שפּיצל, אַז די מענטשן
קענען לאַנג נישט לעבן,
און ער האָט צו פאָר תכריכים
יעדערן געגעבן.

צ׳ויקגעשיקט זיי קיין מצרים:
„פרעה איז נישט אָרעם;
ער וועט קענען אין זיין לאַנד נאָך
אויסגעפינען קברים”.

האָט זיך פרעה שטאַרק פאַרוואונדערט:
— שלמה בן מלכים!
ביסט דער קליגסטער צווישן מענטשן,
גאָטס געזאַלבטער חכם! —

## ו. שלמה באראַט זיך מיט זיינע יועצים וועגן דעם שמיר

רופט דער מלך אויף צוזאַמען
יועצים, חכמים זיינע;
וואָרט אין וואָרט דערציילט ער אַלע
צווישן אים און גאָט די טענה:

— זאָגט דער אויבערשטער צו שלמהן:
דיר, מיין קינד, וועל איך אָנטרויען,
מיט דיין חכמה, גרויס עשירות,
זאָלסטו מיר אַ טעמפל בויען.

ווען מיין שכינה דאָרטן רוען
און מיין קדושה זיך געפינען;
מיט געזאַנגען וועלן קומען
אַלע יידן מיר דאָרט דינען.

כּדי מיין מקדש ערלעך בויען,
זאָלסט אַליין די אַרבעט פירן;
און קיין אייזן, וואָס איז טמא,
זאָל דעם בנין נישט באַרירן.

און דער מלך פרעגט איצט אַלע,
ווי אַזוי זאָל ער באַווייזן
אַלע פעלזן־שטיינער שפּאַלטן
אָן דער הילף פון טמאן אייזן? —

קנייטשן יועצים די שטערנס
און זיי זיצן שטאַרק פאַרקלערטע,
ביז דער עלטסטער שטייט פון אָרט אויף
און ער זאָגט מיט קלאָרע ווערטער:

— אין דעם זעקסטן בין־השמשות,
פאַר דער שבתדיקער ברכה,
האָט אַ שטיין נאָך גאָט באַשאַפן
און פאַרענדיקט זיין מלאָכה.

טראָגט דער שטיין דעם נאָמען „שמיר",
קען מען מיט אים פעלזן שפּאַלטן;
און ווי שטרוי צעשניידט ער אייזן —
ווייס ווער, וואו ער איז באַהאַלטן?

האָט אים גאָט געמוזט אַוודאי
אין געהיימעניש פאַרשליסן,
ס'זאָל קיין מענטש אים נישט געפינען,
זיין באַהעלטעניש נישט וויסן.

איצטער דאַרף דער מלך איינס נאָר:
אַלע שדים, רוחות וועקן,
וועלן זיי אַהערצו קומען
און דעם סוד פאַר אים אַנטפּלעקן. —

און צופרידן איז דער מלך,
ס'איז די עצה אים געפעלן,
רופט ער אַלע שדים, רוחות
זאָלן באַלד פאַר אים זיך שטעלן.

מיט אַ רעש, אַ גרויס געטומל,
מיט אַ פייף און ווילדן ברומען,
פון דער גאַנצער וועלט די שדים
זיינען תיכּף אָנגעקומען.

רופט זיך אָן צו זיי דער מלך:
— אויב איר וועט אַ תשובה געבן,
וואו באַהאַלטן איז דער שמיר,
וועט איר ווייטער בלייבן לעבן.

אָבער קוים וועט איר נישט זאָגן,
און די פלענער מיינע שטערן,
וועל איך נאָר איין וואָרט אַ זאָג טאָן —
און איר וועט פאַרטיליקט ווערן! —

איז אַ שרעק אויף זיי געפאַלן,
און זיי נעמען וויינען, קלאָגן:
— גרויסער מלך! האָב רחמנות,
ווייל מיר ווייסן נישט צו זאָגן!

נאָר איין עצה איז פאַראַנען:
ס׳לעבט דער אַשמדאַי אין ווייטן,
ער געווען איז אונזער מלך
אין לאַנגאָניק־אַלטע צייטן.

ברענג אַהער אים גלייך צו פירן,
אים נאָר קענסטו, מלך, פרעגן,
ווייל פאַר אים באַוואוּסט פון לאַנג שוין
פון די אוצרות אַלע וועגן. —

זאָגט צו זיי דער מלך ווידער:
— ווילט איר חן ביי מיר געווינען,
זאָגט מיר נאָר, אַוואו זיין אָרט איז,
כ׳זאָל דעם אַשמדאַי געפינען? —

ענטפערן זיי גלייך דעם מלך:
— ערגעץ ווייט, גאָר ווייט פון דאַנען,
באַרג־אַראָפּ די הרי־חושך,
איז אַ ברונעם דאָרט פאַראַנען

מיט אַ שווערן שטיין אַ גרויסן
איז דעם ברונעמס מויל פאַרשלאָסן —
פון דעם אַשמדאַי די חתימה
אויפן שטיין איז אויסגעגאָסן.

קומט דער אַשמדאַי צו לויפן
אין די דורשטיקע פאַרנאַכטן,
שטעלט ער אָפּ זיך ביי דעם ברונעם,
כדי די חתימה צו באַטראַכטן,

צי מען האָט אים דאָרט אין וואַסער
נישט קיין סם אַריינגעשאָטן,
(אָפּצוסמען אים, דעם טייוול,
און די רשעות אויסצוראָטן...)

קוקט זיך גוט איין אין דער חתימה;
אויב ער האָט זי גאַנץ געפונען —
טרינקט ער אָן זיך מיט דעם וואַסער
און פאַרחתמעט צריק דעם ברונעם. —

ז. דעם מלכס שר, בניהו,
גייט פאַנגען דעם אשמדאַי

אייזן־קייטלעך אויסגעשמידטע
אין דעם מלכס הענט איצט קלינגען,
און גאָטס נאָמען איז בפירוש
אויסגעקריצט אויף אַלע רינגען.

פון דעם ריינסטן גאָלד געגאָסן,
גלאַנצט אַ רינג אַרויס אינמיטן.
אין דעם רינג געקריצטע אותיות:
ס׳איז גאָטס נאָמען אויסגעשניטן.

הייסט דער מלך, און מען ברענגט אים
גרויסע שטיקער וואָל־געוועבן,
און פון שטאַרקסטן וויין צוויי לאָגלען
שטעלט מען אויך אַוועק דערלעבן.

רופט דער מלך צו בניהון:
— זאָלסט אין וועג אַריין זיך גרייטן,
נעם די אַלע זאַכן איבער,
שמיד דעם אַשמדאַי אין קייטן.

צו די ווייטע הרי־חושך
ביי, און גאָט וועט דיך שוין היטן;
זאָלסט דעם אַשמדאַי דאָרט בינדן
און אים ברענגען אַ געשמידטן. —

ענטפערט גלייך בניהו שלמהן:
— כ׳בין צו דינסט דעם מלך גרויסן,
גאָט איז עדות, איך וועל פאָלגן,
וואָס דער מלך וועט מיר הייסן. —

דורכגעוואַנדלט ווייטע לענדער,
זיבן ימים דורכגעשוואומען
און געוואָגלט דורך מדבריות, —
איז בניהו צוגעקומען

צו די הויכע הרי־חושך
מיט די טויזנט שוואַרצע שטאָקן,
ווי מיט פינסטערניש און פחד
וואָלטן זיי די וועלט געשראָקן.

אויסזוכן דעם ברונעם דאָרטן
לאַנג בניהון נישט געדויערט;
אויף דעם גרונט פון ברונעם האָט ער
אַ קליין לעכל אויסגעבויערט,

נאָנט אַ טיפֿן גרוב געגראָבן —
איז דאָס וואַסער פֿון דעם ברונעם
אין דעם גרוב אַריינגעפֿלאָסן,
ביז אַ טראָפּן אויסגערונען...

ווען אַרויסגעטריפֿט פֿון ברונעם
האָט דער סאַמע לעצטער טראָפּן,
מיטן וואַל האָט ער גענומען
אויף דעם גרונט די לאָך פֿאַרשטאָפּן;

ווידער העכער דורכגעלעכערט,
וואו דער ברונעם איז געשלאָסן,
און דעם ווײַן פֿון ביידע לאָגלען
אין דעם ברונעם אויסגעגאָסן.

נאָכדעם אַלע גריבער, לעכער,
מיט דער שוואַרצער ערד פֿאַרשאָטן,
ווי ס'וואָלט קיינער דאָ געווען
און קיין מענטשנס פֿוס געטראָטן.

בניהו פארגנבעט זיך הינטער
אשמדאי און שמידט אים אין קייטן

## ח. בניהו פירט דעם
## אַשמדאַי אין קייטן

האָט בניהו זיך באַהאַלטן
אויף אַ בוים מיט דיקע צווייגן;
וואַרט, דער אַשמדאַי זאָל קומען,
און אַרום אים הערשט אַ שווייגן.

פּלוצלונג אַ גערויש, אַ טומל,
ווי די בערג זיך וואָלטן שיטן —
אַ געשריי, אַ קוויטש אַ שאַרפער
האָט די לופט אַדורכגעשניטן.

אומגעקוקט האָט זיך בניהו,
ווער סע שרייט אַזוי, פון וואַנען. —
„ס'איז דער אַשמדאַר אַוודאַי
אָנגעקומען,״ גלייך פאַרשטאַנען...

זיינע אויגן אָנגעשטרענגטע
איצטער צו דעם ברונעם ווענדט ער;
זעט ער, ווי דער אַשמדאַי איז
צוגעקומען נענטער, נענטער...

און די אויגן פון דעם טייוול
אין דער התימה נעמען זינקען, —
באַלד דעם שטיין אַראָפּגעקוילערט,
און ער וויל פון וואַסער טרינקען;

נאָר אַ כּעס האָט אים געצונדן,
ס'האָט אין אים געברענט דער צאָרן:
„ווי אַזוי איז פון דער וואַסער
פּלוצלונג שטאַרקער וויין געוואָרן?

ניין, קיין וויין וועל איך נישט טרינקען,
כ'זאָל נישט האָבן קיין חרטה!
ווייל די שיכּרות קען פאַרפירן
אין דער ערגסטער, טיפסטער בלאָטע.

דער, וואָס האָט באַרויבט מיין מלוכה,
האָט אַמאָל עס אויפגעשריבן —
און פון דעמאָלט פון מיין שונא
איז אַ מוסר מיר פאַרבליבן."

אָט אַזוי אַדורכגעטראַכט זיך,
האָט דער אַשמדאַי געשוויגן;
פון איין רגע צו דער צווייטער
איז זיין דורשט אַלץ מער געשטיגן.

ס׳האָט אין האַלז אים שטאַרק געטריקנט
ס׳האָט זיין צונג געקלעפּט צום גומען —
נישט געקענט זיך מער באהערשן,
און ער האָט אַ טרונק גענומען.

ווען דער וויין האָט אים פאַרשיכורט
און אַ שלאָף אַרומגענומען, —
ווי אויף סאַמעט שטיל געטראָטן,
איז בניהו צוגעקומען...

איין מינוט נאָר — אַ געשמידטער
ליגט דער אַשמדאַי אין קייטן!
איז בניהו שטאַרק צופרידן,
וואַרט אָפּ רויק פון דער ווייטן.

אויפגעכאַפּט זיך, אויסגעשלאָפן,
ס׳איז דאָס שיכרות שוין פאַרשוואונדן...
וואָס־זשע זעט ער? — ס׳האָט בניהו
ווי, אין קייטן אים געבונדן!

קריצט דער טייוול מיט די ציינער
וועקט זיך אויף אין אים דער כעסן,
קאָכט און זידט אין אים דאָס בלוט אויף,
וויל אויף זיך די קייטן רייסן.

נאָר עס וואָרנט אים בניהו:
— האָסטו נישט פאַר גאָט קיין מורא?
אויסגעקריצט אויף יעדן רינגל
איז דער נאָמען פון דעם בורא.

איצטער מוזסטו נאָך מיר נאָכגיין
איבער אַלע טייכן, וועגן,
ביז דו וועסט צו שלמהן קומען,
ווייל ער דאַרף דיך עפּעס פרעגן. —

פילט דער אַשמדאַי, ווי ס'בייסט אים,
און ער הויבט זיך אָן צו קראַצן,
רייבט זיך ביי אַ בוים אַזוי לאַנג,
ביז דער בוים הויבט אָן צו פּלאַצן.

טרעפט ער אויפן וועג אַ שטיבל,
גיט ער זיך אַ שטויס דעריבער,
און זיין שטויס מעג זיין אַ שוואַכער —
קערט ער עס סיי־ווי שוין איבער.

קומען זיי אָן פאַר אַ הייזל,
גייט אַרויס אַ פרוי אַנטקעגן,
בעט מיט טרערן אין די אויגן:
— דאָס איז דאָך מיין גאַנץ פאַרמעגן!




די ארעמע צלמנה בעט זיך דער אשמדאי זאל נישט
אומווארפן איר הייזל

האָב רחמנות, אַן אַלמנה
זאָלסט די צרות נישט פאַרמערן!
אַשמדאַי, זאָלסט חס ושלום
נישט מיין הייזל איבערקערן! —

אָפּגעשפּרונגען פון דעם הייזל,
ס'האָט געריירט אים אָט די טענה—
און אין שנעלן שפּרונג צעבראָכן
איינעם פון די ביינער זיינע.

און צעשריגן זיך פאַר ווייטאָג:
— ריכטיק רעדט נאָר שלמה איינער,
אַז די ווייכע, צאַרטע צינגער
קענען ברעכן האַרטע ביינער! —

גייען זיי זיך ביידע ווייטער
און זיי זעען גלייך אַנטקעגן,
ווי אַ בלינדע מיט אַ שטעקן
בלאָנקעט אום צעווישן וועגן.

האָט דער אַשמדאַי געאיילט זיך,
צו דעם בלינדן צוגעקומען:
אַזוי העפלעך, אַזוי איידל
פאַר אַ האַנט אים אָנגענומען,

און געפרעגט אים: — זאָג מיר, בלי:דע־,
וואו האָסטו געוואָלט דערגרייכן? —
צונעפירט און אָנגעזאָגט אים:
— גיי מיט אָט דעם וועג דעם גלייכן! —

שפּעטער ווידער האָט דער טייוול
אויך אַ שיכור אָנגעטראָפן,
אויפן וועג אַרויפגעפירט אים
און איז שנעל פון אים אַנטלאָפן.

ווייטער האָבן זיי צוזאַמען
אָנגעטראָפן חתן־כּלה,
ווי מען פירט זיי צו דער חופּה,
און די געסט צופרידן אַלע,

און עס האָבן שמחה־קלאַנגען
אין דער לופטן זיך געטראָגן —
האָט דער אַשמדאַי צעוויינט זיך
און האָט שטאַרק געמומען קלאָגן...

פּלוצלונג הערט ער צו אַ שמועס.
זאָגט איין חבר צו אַ צווייטן:
— הער־זשע אויס: דו זאָלסט פאַר מיר איצט
אַ פּאָר שטאַרקע שטיוול גרייטן,

איך זאָל זיי כּסדר טראָגן,
זיבן יאָרן אין זיי טאַנצן,
און נאָך זיבן יאָרן נוצן
זאָלן זיי פאַרבלייבן גאַנצע. —

האָט צעלאַכט זיך שטאַרק דער טייוול:
— האָסט געהערט אַזעלכע זאַכן? —
ס׳איז אַ נס געווען מסתּמא,
נישט געפּלאַצט האָט ער פון לאַכן.

ווייטער טרעפן זיי אָן מענטשן
אין אַ גרויסן ראָד זיך ווימלען,
שטייט אינמיטן אַ מכשף
מיט די בליקן צו די הימלען.

שטייט דער אַשמדאַי אַ ווײַלע,
קוקט גוט אָן דאָס כּישוף־מאַכן
און גאָר פּלוצלונג הויבט דער טייוול
ווילד־היסטעריש אָן צו לאַכן.

זײַנען זיי געגאַנגען ווייטער,
ימים, טייכן דורכגעשוואומען,
ביז דערגרייכט צו ירושלים
און צום טויער אָנגעקומען.

קלעקט דעם אַשמדאַיס געדולד נישט:
ס'איז אַ גאַנצער טאָג אַריבער
און מען האָט אים נישט גערופן!
און ער פרעגט זיך שוין דעריבער

די באַדינער, וועלכע שטייען
און זיי היטן אָפּ די טירן:
— וואָס־זשע האָט מען נישט געהייסן
פאַרן מלך מיך היינט פירן? —

ענטפערן זיי: — ס'האָט דער מלך
היינט אינגאַנצן זיך פאַרלאָרן,
ווייַן און שנאַפּס האָט ער געטרונקען,
איז ער שיכור שטאַרק געוואָרן. —

טוט דער אַשמדאַי אַ קלונג דאַ
מיט די שווערע אייזן־קייטן
און ער לייגט אַרויף פּאַמעלעך
דאַן איין ציגל אויף אַ צווייטן.

האָט מען באַלד דערציילט עס שלמהן:
— וואָס־זשע קען ער מיט דעם מיינען? —
זאָגט דער מלך: — דאָס באַדייט נאָר,
איך זאָל טרינקען מערער ווייַנען.

אשמדאי פירט ארויף א בלינדן
אויפן גלייכן וועג,

אויף צומאָרגנס, ס׳ווערט שוין אָווענט,
ס׳איז אַ גאַנצער טאָג אַריבער,
און דער מלך רופֿט נאָך אַלץ נישט!
פֿרעגט ער ווידער זיך דעריבער:

— וואָס־זשע רופֿט מיך נישט דער מלך?
וואָס אַזוינס האָט היינט געטראָפֿן? —
— ס׳האָט דער מלך מער געטרונקען
און פֿאַרמאַטערט איינגעשלאָפֿן. —

האָט דער אַשמדאַי דערהערט עס
און האָט שנעל זיך איינגעבויגן,
כּדי איין ציגל פֿון דעם צווייטן
אויף דער ערד אַראָפּצופֿליִען...

האָט מען באַלד דערציילט עס שלמהן:
— וואָס־זשע קען ער מיט דעם מיינען? —
זאָגט דער מלך: — דאָס באַדייט נאָר,
כ׳זאָל נישט טרינקען צופֿיל ווײַנען. —

## ט. דער אַשמדאַי שטייט פאַרן מלך שלמה

איז דער אַשמדאַי צו שלמהן
אויפֿן דריטן טאָג געקומען.
ווי דערזען האָט ער דעם מלך,
האָט ער זיך אַ שטאָק גענומען

און פֿיר איילן אָפּגעמאָסטן
און דערנאָך אַ וואָרף געגעבן:
— ס׳איז דיין קבר־מאָס, אָ מלך,
ווען דו וועסט שוין מער נישט לעבן...

איצטער זאָג מיר, וואָס־זשע יאָגט דיך
איבער לענדער צו רעגירן?
און צו וואָס האָסטו פֿון ווייטן
מיך געדאַרפֿט אַהערצו פֿירן? —

ענטפֿערט שלמה: — כ׳האָב געבראַכט דיך,
נישט דו זאָלסט מיך דאָ באַרינען;
זאָג מיר נאָר, וואו איז דער שמיר,
כ׳מוז וואָס־גיכער אים געפֿונען.

ווייל איך וועל דעם בית־המקדש
פאַר דעם שטאַרקן גאָט דעם גרויסן
גאָרנישט נעמען אַנדערש בויען,
סיידן ווי ס׳האָט גאָט געהייסן:

כ׳טאָר נישט צורירן קיין אייזן,
און איך מוז די שטיינער שפּאַלטן,
און איך ווייס נישט פון דעם שמיר,
וואו ער ליגט ערגעץ באַהאַלטן.

קענסטו, אַשמדאי, דעריבער
זיך בשלום נאָך אָפּטראָגן,
נאָר בתנאַי, אַז דו זאָלסט פריער
מיר דעם סוד פון שמיר זאָגן.

ענטפערט אַשמדאַי דעם מלך:
— ר׳איז ביי מיר נישט צו געפינען,
נאָר איך וועל דעם מלך העלפן
און מיט וואָס איך ווייס אים דינען.

יאָ, דער פירשט פון ימים לאַנג שוין
האָט דעם אויערהאָן געגעבן,
ער זאָל שטאַרק דעם שמיר היטן
און באַשוואוירן ביי זיין לעבן,

אַז ער זאָל אים נישט פאַרלירן
און, חלילה, קיינעם לייען,
ביז ער וועט צוריק אים נעמען,
פון דער שבועה אים באַפרייען. —

פרעגט אים שלמה: — און צו וואָס דען
דאַרף דער האָן דעם שמיר האָבן? —
— ווייל ער קען מיט דעם די אַלע
בערג און שטיינער לייכט צעגראָבן.

שפּאַלט ער פעלזן — פרוכט און קערנער
קען ער אין די שפּאַלטן שיטן;
גייט אַדורך אַ צייט אַ קורצע,
וואַקסן ביימער אויס אינמיטן.

— וויגן, הוידען זיך די צווייגן —
ווילד צעקרייט דער האָן זיך דאָרטן,
פאַר די קינדער זיינע עסן,
וואַקסן פרוכטן אַלע סאָרטן. —

דער אויער האן דערזעט א גלאז איבער-
אירע שופהלען

## י. דעם מלכס קנעכט גייט
## צום אויערהאָן נאָכן שמיר

שפּילט מיט זון זיך גלאָז אַ טאָוול
הײנט ביי שלמהס טראָן,
רופט דער מלך צו אַ דינער
און ער זאָגט אים אָן:

— נעם דאָס גלאָז און מיט מיין ברכה
לאָז אין וועג זיך גיין,
וועסט דעם אויערהאָן געפינען,
ברענג דעם שמיר־שטיין.

האָט דער דינער גלייך געענטפערט.
— כ׳בין צו אַלצדינג גרייט!
דיך נישט פאָלגן קען מיר שטערן
סיידן נאָר דער טויט. —

זוכט דעם אויערהאָן דער דינער
גאַנצע נעכט און טעג;
וואו אַ פּאָלק נאָר, אַ מדינה,
וואו אַ וועג, אַ שטעג.

אין די גערטנער, וואו די פייגל
זינגען אזוי פיל,
אויף די לאָנקעס, וואו די ווערעם
קריכן אין דער שטיל;

אין די וועלדער, וואו די חיות
ווארפן אָן א שרעק,
אין די ימים, וואו מען קען נישט
קיינמאָל זען קיין ברעג;

אין די טייכן, וואו די פישן
שווימען רק ארום,
אין מדבריות ווייטע, פוסטע,
וואו ס׳איז טויט און שטום...

און דעם האָן דאָך נישט געפונען —
וואו־זשע זאָל ער גיין?
נישט צו ווייזן זיך פאר שלמהן
אָן דעם שמיר, ניין!

שטארק פארקלערט האָט זיך דער דינער:
וואָס־זשע טוט מען פאָרט?
עפעס הערט ער, דוכט זיך, פישטשען
פייגעלעך אָט דאָרט.

פון דעם אויערהאָן די קינדער!
כאַפּט אים אָן אַ פרייד, —
זייער מאַמע זוכט דאָרט עסן
פאַר זיי אין דער ווייט.

מיט דעם גלאָז פאַרדעקט דאָס נעסט באַלד
פון דעם ווילדן האָן...
אַז די מאַמע וועט דאָ קומען,
וואָס־זשע קען זי טאָן?

קומט צו פליען באַלד די מאַמע,
און ער קוקט זיך איין —
וויל די קינדער עסן געבן
קען זי נישט אַריין.

ווערט זי בייז און מיטן שנאָבל
קלאַפּט זי אין דעם גלאָז;
פּיקט אָן איינמאָל, פּיקט אַ צווייט מאָל, —
ווען עס העלפט נישט דאָס,

קלאַפּט זי שטאַרקער, מיט די פיסלעך
דראַפּעט זי און שאַרט,
נאָר זי קען דאָך גאָרנישט העלפן,
ווייל דאָס גלאָז איז האַרט.

דורכן גלאָז דערזעט זי קעפּלעך —
הונגעריק, אוי וויי!
יעדעס שנאָבעלע איז אָפן,
עסן בעטן זיי...

האָט געמאַטערט איר ס'רחמנות:
— ווי־זשע העלפט מען אייך?
שאַ... זי האָט צעשפּרייט די פליגלען
און פאַרשוואונדן גלייך...

גייען דורך אַ פּאָר מינוטן,
צוויטשערט שוין איר קול,
קומט צו פליען — און עס בליצט שוין
איר אַ שטיין אין מויל.

מיט דעם שטיין דאָס גלאָז צעשפּאָלטן,
קלינגען העלפטן צוויי —
לויפט דער דינער ראַפּטום צו דאַן
מיט אַ גרויס געשריי...

שטאַרק צעטומלט, איז די מאַמע
מיט אַ הויך געוויין
אָפּגעפלויגן און פאַרגעסן
צונעמען דעם שטיין!

איז דער דינער צוגעלאָפן
מיט אַ ווילדער פרייד,
מיט דעם שמיר צו דעם מלך
זיך אין וועג געגרייט.

## יא. דער אַשמדאַי גיט צו פאַר־שטיין זיין מאָדנע אויפפירונג

פרעגט דער אַשמדאַי בניהון:
— ווען מיר האָבן אָנגעטראָפן
אויפן וועג אַ בלינדן מענטשן,
וואָס ביסטו צו אים געלאָפן?

און דעם וועג אים אָנגעוויזן,
פאַר אַ האַנט אים אָנגענומען, —
ער זאָל מער נישט דאַרפן בלאָנדזשען
און אַהיים וואָס־שנעלער קומען? —

זאָגט דער טייוול: — אין די הימלען
אַלע טאָג בין איך געוועזן
און געהערט — דעם בלינדנס נאָמען
האָט מען דאָרטן הויך געלעזן:

„אַזאַ צדיק, וואָס איז זעלטן
צו געפינען צווישן מענטשן;
ווער עס וועט אים טאָן אַ טובה,
וועט דער אויבערשטער אים בענטשן,

ער זאָל אייביק בלייבן לעבן
(דאָרטן זאָגט מען נישט קיין ליגן!)" —
האָב איך אים דעם וועג געוויזן,
אַז איך זאָל די ברכה קריגן. —

פרעגט בניהו: — און דער שיכּור,
וואָס אַזוינס מיט אים געוועזן? —
לאַכט דער טייוול: — מ'האָט זיין נאָמען
אין די הימלען אויך געלעזן,

אַז ער איז אַ גרויסער רשע —
קלער איך מיר: עס קען נישט געבן,
ס'זאָל נישט טאָן דער ערגסטער רשע
קיין איין מצווה אין זיין לעבן.

נאָכן טויט דאָרט אין די הימלען
וועט אַ מליץ זיך דערמאָנען:
כ'האָב אַ מצווה פון דעם רשע —
עולם־הבא וועט ער מאָנען...

האָב איך אים באַצאָלט זיין מצווה
מיט אַ טובה ביי זיין לעבן —
בין איך זיכער, אַז מען וועט אים
נאָכן טויט שוין גאָרנישט געבן. —

פרעגט בניהו באַלד אים ווידער:
— וואָס האָסטו געקענט דאַן מיינען?
מ׳האָט געפירט די חתן־כלה,
האָסטו שטאַרק גענומען וויינען. —

ענטפערט אשמדאַי בניהון:
— ס׳איז אַ גזר געווען געשריבן;
דרייסיק טעג איז נאָך צום לעבן
פאַר דעם יונגנמאַן געבליבן;

ביז זיין ברודער וועט אויפוואַקסן,
וועלן צוועלף יאָר אַריבער,
אַן אַלמנה וועט די כלה
וואַרטן צוועלף יאָר דעריבער...

מיט דעם ברודער פון דעם טויטן
וועט זי דאַן אַ כלה ווערן;
איצטער וועט פאַר דיר שוין קלאָר זיין
וואָס ס׳באַדייטן מיינע טרערן. —

— שיך אַ פּאָר באַשטעלט האָט איינער,
זיבן יאָר זאָל ער זיי טראָגן,
וואָס האָסטו אַזוי צעלאַכט זיך?
אפשר קענסטו מיר עס זאָגן? —

האָט דער אַשמדאַי געענטפערט:
— שטאַרקע שיך הייסט ער זיך מאַכן!
זיבן טעג דאַרף ער נאָך לעבן,
ווי אַזוי זאָל איך נישט לאַכן? —

— און דעם כישוף־מאַכער דעמאָלט,
ווי דו האָסט אים נאָר דערזען,
האָסטו ווילד גענומען לאַכן —
זאָג, פאַרוואָס איז עס געווען? —

— מיט די אויגן אין די *הימלען*
זוכט ער גאָלד און זילבער־זאַכן —
און אַליין שטייט ער אויף אוצרות,
ווי אַזוי זאָל איך נישט לאַכן?... —

## יב. מלך שלמה האָט אויפגעבויט דעם בית-המקדש און מאַכט אַ שמחה פאַר אַלע יידן

שוין פאַרענדיקט זיך די אַרבעט,
גאַנצע זיבן יאָר געדויערט,
איצטער שטייט דער בית-המקדש
הערלעך אויסגעפּוצט, געמויערט...

פון די אַרבעטער קיין איינער
אין דער צייט נישט קראַנק געוואָרן;
קיין געצייג האָט אויך נישט קיינער
נישט צעבראָכן, נישט פאַרלאָרן.

איז אַ סימן, אַז דער בורא
האָט באַוויזן זיינע וואונדער'
פרייען זיך דאַן אַלע יידן,
פרייט זיך שלמה אויך באַזונדער.

האָט געזאָגט דער מלך שלמה:
— זיבן יאָרן שוין אַריבער,
כ'האָב קיין וויינען נישט געטרונקען,
מוז איך מאַכן איצט דעריבער

אַזאַ שמחה, וואָס ס׳האָט קיינער
נישט געזען נאָך אין זיין לעבן!
בעסטע ווייַנען און מאַכלים,
וואָס נאָר גאָט האָט מיר געגעבן! —

האָט דער מלך אויסגערעדט נאָר —
זיינען דינער באַלד געקומען,
גרייטן אַלע צו דער שמחה,
יעדער דינער איז פאַרנומען;

און עס רוישט אין בית־המקדש,
אַ גערודער אין די זאַלן,
הערט מען, ווי מען רוקט די טישן,
הערט מען, ווי די שטולן פאַלן.

סקריפּען טירן פון דער וויַיטן,
ווייסע טישטיכער אַזש בלאַנקען,
און מען עפנט אויף די קעלערס
מיט די טייערסטע געטראַנקען.

גרייכן ריחות פון געבאַקטע
פרישע חלות, לעקאַך, טאָרטן,
און מען טראָגט אין פולע קוישן
גרינס און פרוכט פון אַלע סאָרטן.

צינדט מען אָן דאָרט אַלע לאָמפּן,
און דער כאָר הויבט אָן צו זינגען,
פון די הענגלייכטער קריסטאָלן
וויגן זיך, און לופטן קלינגען,

און סע שטראָמען מאַסן יידן,
אויגן בלישטשען, הערצער לאַכן
אַזאַ שמחה איז דאָך איינע
פון די זעלטנדיקסטע זאַכן!

קומען אַלע צו דער שמחה,
און צו גאָט זיך ברכות שיטן, —
הוליען, טאַנצן אַלע יידן
מיט דעם מלך אינדערמיטן!



פּרעהס טאָכטער טאַנצט פאַרן מלך

## יג. דעם קעניגס קעפּסווייב, פּרעהס טאָכטער, שיכורט אָן דעם מלך

פּרעהס טאָכטער אַ געליבטע
איז געוועזן ביי דעם מלך —
זעט זי, ווי עס זיצט זיך שלמה
מיט די יידן אַזוי פריילעך.

(זי אַליין, ווי אַלע מצרים,
פלעגט נאָך געטשעס דינען, הערן),
און זי וויל די גרויסע שמחה
פון דעם בית־המקדש שטערן.

איז זי גלייך אַוועק אין פּאַלאַץ,
אירע דינסטן גלייך געהייסן,
זאָלן רופן שפּילער, זינגער,
פון די בעסטע, וואָס זיי ווייסן.

אויסגעפּוצט האָט זי די זאַלן
מיט די שמעקעוודיקסטע בלומען
און געשיקט דעם מלך רופן
און געבעטן, ער זאָל קומען.

אָנגעקלײדט אין דינסטן זײדנס,
אויסגעפּוצט אין בענדער רויטע,
אירע האָר געקרויזט אין לאָקן, —
פרעהס טאָכטער וואַרט א גרייטע

אויפצונעמען שוין דעם מלך,
און זי גייט אַרויס אַנטקעגן —
פון די אויגן שפּריצן פונקען,
קוקט זיך אום אויף אַלע וועגן.

וואָס־זשע דויערט אַזוי לאַנג נאָך?
איז ער דען אַזוי פאַרנומען?
קלאַפּט איר האַרץ דאַן... אָט א גייט ער...
ס׳איז דער מלך אָנגעקומען!

האָט א שמייכעלע אין פּנים
פון דעם מלך זיך באַהאַלטן:
פרעהס טאָכטער האָט א צימבל
אין איר ווייסער האַנט געהאַלטן.

ווי דערזען האָט זי דעם מלך,
האָט זי אָנגעהויבן טאַנצן,
אירע אויגן, ווי בריליאַנטן
אין דער פינסטער וואָלטן גלאַנצן.

ווערט דער מלך מלא שמחה,
און עס שפּרייט זיך אויס זיין שמייכל;
זיינע אויגן פינקלען, ריידן:
איצטער בין איך אַלצדינג מוחל...

פּרעהס טאָכטער פירט דעם מלך,
און איר צימבל האַלט אין קלינגען;
קומט דער מלך אין איר פּאַלאַץ,
און דער כאָר הויבט אָן צו זינגען.

ווערט דער מלך מערער לוסטיק,
פּרעהס טאָכטער הויבט אָן טאַנצן,
גיט אים שאַרפע וויינען טרינקען
און פאַרשיכורט אים אינגאַנצן.

בעט דער מלך מערער טרינקען,
בעט דער מלך מערער עסן.
— פון דער בית־המקדש־שמחה
האָט זיך שלמה גאָר פאַרגעסן...

פּרעהס טאָכטער הויבט אָן זינגען,
איז דער מלך שטאַרק צופרידן...
אירע לידער קלינגען העכער,
ווי די שמחה פון די יידן!

האָט עס גאָט דאַן שטאַרק פאַרדראָסן
און מיט כּעס גענומען שווערן:
— ס'קומט אַ צייט, ירושלים,
וועסטו וויסט און חרוב ווערן!

ס'וועט נישט העלפן וויינען, בעטן,
כּדי מיין שבועה אָפּצווענדן —
און דעם גרויסן בית־המקדש
וועט אַ פייער נאָך פאַרלענדן! —



שלמה ווילט זיך מיט פרעהס טאכטער
און פארגעסט אינם בית המקדש

## יד. דער מלך פאַרבעט דעם מייסטער חירם, ער זאָל אים אויפבויען אַ טראָן

האָט דערוואוסט זיך מלך שלמה,
אַז אין צור, אין וויטן לאַנד,
וואוינט אַ מייסטער, הייסט ער חירם,
יעדער רימט זיין קינסטלער־האַנט.

אַלע זאָגן, אַז זיינס גלייכן
אויף דער וועלט נישטאָ שוין מער;
שיקט דער מלך זיינע שלוחים,
און זיי ברענגען אים אַהער.

רופט זיך אָן צו אים דער מלך:
— גרעסטער מייסטער אויף דער וועלט!
מאַך אַ טראָן, איך זאָל נישט קענען
אים פאַרגלייכן מיט קיין געלט. —

ענטפערט חירם אָפּ דעם מלך:
— כ'האָב באַנומען דיינע רייד,
אָבער וויפיל איך וועל דאַרפן
גאָלד און זילבער, זאָל זיין גרייט. —

שמייכלט שלמה זיך פונאַנדער:
— מיינע אוצרות זיינען רייך!
וואָס און וויפיל דו ווילסט בעטן,
אויפן אָרט באַקומסטו גלייך. —

האָט געמאַכט אַ שטול דאָן חירם
מייסטערהאַפט, גאָר וואונדערשיין!
וואָסער שטול דאָס איז געוועזן —
הערט נאָר, קינדערלעך, זיך איין:

ס'האָט דער שטול זעקס גרויסע טרעפּ,
איינער איז פון צווייטן ווייט,
פון דעם פיינסטן גאָלד געשמידט,
לייבן, אָדלערס ביי דער זייט.

יעדער טרעפּ האָט צוועלף אָדלערס,
און צוועלף לייבן קעגן זיי,
צוויי און זיבעציק די אָדלערס
און די לייבן אויך אַזוי.

און אַ זיצפּלאַץ פאַרן מלך
איז געוועזן אויבן־אָן,
און זעקס גרויסע טרעפּ באַזונדער
צו דעם זיצפּלאַץ ווייזן אָן.

און אַן אָקס, פון גאָלד געגאָסן,
אויף דעם ערשטן טרעפּל שטייט,
און אַ גאָלדנער לייב אַ גרויסער
אים אַנטקעגן ביי דער זייט.

אויפן צווייטן טרעפּ פון גאָלד אויך
שטייט אַ וואָלף מיט שאַרפע ציין,
און אַנטקעגן אים אַ גאָלדנס
שטייט אַ שעפּסל צאַרט און קליין.

אויפן דריטן טרעפּ אַ טיגער
דורשטיק שטייט נאָך הייסן בלוט —
און אַנטקעגן אים אַ קעמל
נאָך זיין שווערער פּראַצע רוט.

אויפן פערטן טרעפּ אַן אָדלער —
ס׳איז זיין שנאָבל אָפן ברייט:
אים אַנטקעגן שטייט אַ פּאַווע
מיט די פעדערן צעשפּרייט.

אויפן פינפטן טרעפּ פון אויבן
זיצט אַ קאַץ, קוקט כיטרע אָן,
אויף דעם זעלבן טרעפּ אַנטקעגן
שטייט אַ שיינער, שטאָלצער האָן.

אויף דעם לעצטן זעקסטן טרעפּ
שטייט אַ שפּאַרבער ביז נאָך רויב —
אים אַנטקעגן, ביי דער זייט,
שטייט אַן אומשולדיקע טויב.

ביי דעם אויבן־אָן פון טראָן
שטייט אַ טייבעלע אַ שיינס,
האַלט אַ שפּאַרבער אין איר פּיסקל,
און איר שנאָבעלע אין קליינס.

און נאָך העכער בליצט און בלאַסקעט
אַ מנורה ריינער גאָלד,
ווי אין תורה שטייט געשריבן
און ווי גאָט האָט נאָר געוואָלט.

זיבן רערן פון איין זייט בלויז
אָנצוצינדן ליכט, נישט מער, —
בילדער פון די אַלטע אָבות
אויסגעקריצט אויף יעדער רער.

זיבן רערן, פיין געבויגן,
ט'אויך געהאַט די צווייטע זייט;
אויסגעקריצט אויף זיי געוועזן
בילדער פון די פרימסטע לייט.

דער אויערהאן דערציילט פארן מלך שלמה
פון דעם ווייטן לאנד

און אַ בורשטין־קרוג מיט קלאָרסטן
אייל, וואָס פיינע ריחות שפּרייט,
פאַר דעם נר־התמיד שטייט ער,
שטענדיק נאָר פאַר גאָט געגרייט.

און אַ גאָלדנע גרויסע שיסל
איז געווען שטענדיק פול:
אייל צום נוצן פאַר דער מנורה
פון דעם מלכס רייכן שטול.

און פאַר כּוהנים צוויי פלעצער
אויבן, סאַמע אין דער מיט,
זיבעציק פאַר די יועצים,
פון דעם ריינסטן גאָלד געשמידט.

פאַרן פּלאַץ פון מלך שלמה
גרויסע פישן שטייען צוויי,
פון דערווייטן דוכט זיך יעדן,
אַז צוויי לייבן אין אַ ריי...

און זיי האַלטן פעסט צוויי זיילן,
וואו עס שפּאַרט דער שטול זיך אָן,
כּדי דער שטול זאָל זיך נישט קענען
נישט קיין ריר, קיין וואַקל טאָן.

פיר און צוואַנציק גאָלדנע ביימער,
און מיט ברייטע צווייגן פיל,
שפּרייטן רחבותדיק אַ שאָטן,
אַז דעם מלך זאָל זיין קיל.

אַ מאַשין פאַרמאָגט דער שטול אויך —
קיינער ווייסט נישט, ווי דאָס איז...
זי געפינט זיך אין דער נידער,
וואו דער מלך שטעלט די פיס.

און איר פאָרעם, ווי אַ שלאַנג־רייף,
מיט אַ ראָד פון גאָלד געזעגט.
פון דער וויטן קען זיך דוכטן,
אַז איין ראָד אין צווייטן שטעקט.

וואו דער מלך וויל נאָר, קומט ער,
און עס טראָגט אים די מאַשין;
שטייגט ער אויפן ערשטן טרעפּל,
קומט דער גאָלדנער אָקס אַהין,

בויגט אַראָפּ זיין פעסטן רוקן,
און דער מלך זעצט זיך אויף, —
טראָגט דער אָקס דעם מלך העכער,
ביזן זעקסטן טרעפּ אַרויף.

דעמאָלט פליען צו די אָדלערס,
נעמען באַלד דעם מלך אָן,
און זיי פליען מיט אים העכער,
ביז זיי קומען צו זיין טראָן.

זעצט זיך אויפן טראָן דער מלך,
פליט אַן אָדלער באַלד אַראָפּ,
לייגט אַרויף די קרוין די גאָלדנע
אויף דעם מלכס שיינעם קאָפּ.

די מאַשין הויבט אָן צו רוישן,
גיט די שלאַנג זיך פלינק א דריי —
חיות, פייגל ברומען, פישטשען,
ווערט אַ טומל, אַ געשריי.

און די אָדלערס מיט די פליגלען
רוישן, פאָכען אויף און אָפּ —
דעמאָלט ווייזט די גאָלדנע טויב זיך,
און צום אָרון פליט אַראָפּ...

עפנט־אויף דעם אָרון־קודש,
בלייבן אַלע שטיין אין רו,
נעמט אַרויס פון דאָרט די תורה
און צום מלך טראָגט זי צו.

און עס הויבט זיך אָן דער משפט,
הערט דער מלך עדות אויס —
ווי צום עדות, וועלכער לייקנט
און דעם אמת זאָגט נישט אויס!...

רירט דער מלך די מאַשין אָן,
און עס ווערט אַ בילעריי —
פון די חיות, פון די בהמות
אַ געשריי און מעקעריי.

ווערן בייז צערייצטע טיגערס,
לייבן מאַכן אַ געוואַלד,
ווערט דער עדות גלייך צעשראָקן,
און דער אמת ווייזט זיך באַלד.

פרייט זיך שלמה מיטן אמת,
חכמה פלאַטערט אויף זיין פּאָן —
שלמהס משפט איז מיט יושר
און ס'איז ערלעך שלמהס טראָן!

## טו. דער מלך רופט־צונויף אַלע חיות און די טענה פון דעם אויערהאָן

אין אַ שיינעם מאָרגן פֿריילעך
איז דער מלך אויפגעשטאַנען,
רופט צו זיך אויף אַלע ברואים,
וואָס נאָר אויף דער וועלט פאַראַנען.

לויפן אָן זיך אַלע חיות
פון די ווייט־געדיכטע וועלדער,
פליען אָן באַלד אַלע פייגל
פון די גערטענער און פעלדער.

און די ווערעם, אַלע מינים,
קריכן, קלייבן זיך צוזאַמען —
שדים, רוחות, ווער קען וויסן
ווי זיי קומען און פון וואַנען?

אויפגעקליבן זיך שוין אַלע,
הייבן פייגל אָן צו זינגען,
און די שדים און די חיות
פאַרן מלך טאַנצן, שפרינגען.

איז דער מלך שטאַרק צופרידן,
אָבער פּלוצלונג, אינדערמיטן —
וואו־זשע איז דעם מלכס שמייכל?
וואָס־זשע האָט ער זיך געביטן?

עפּעס ווערט דער מלך ערנסט...
וואָס אַזוינס איז דאָ געוואָרן?
עס איז קענטיק, אַז אין האַרצן
ביי דעם מלך ברענט אַ צאָרן.

בלייבן אַלע שטיל, ווי טויטע,
שטעלן אויס זיך ווי די בילדער,
קוקט דער מלך שטרענג אַרום זיך —
און עס פעלט דער האָן דער ווילדער...

שטאַרקט דער כּעס זיך מער ביים מלך:
— מיך נישט פאָלגן, מיך נישט הערן?
ווי צום שטרענגסטן אים באַשטראָפן:
שנעל געבראַכט זאָל ער דאָ ווערן! —

גלייך געאיילט האָבן די אָדלערס,
און עס האָט נישט לאַנג גענומען,
אויסגעזוכט דעם האָן דעם ווילדן
און מיט אים צוריקגעקומען.

רופֿט זיך אָן דער האָן צום מלך:
— זאָלסט אויף מיר קיין כּעס נישט טראָגן!
וואָס עס האָט גוטס מיר געטראָפֿן,
וועל איך דיר אַט תּיכּף זאָגן.

האָסט געמיינט, אַז אויף צו להכעיס
נישט געפֿאָלגט דיך? — נישט דעריבער!
ס׳איז דערפֿאַר גאָר, וואָס עס זענען
דריי חדשים שוין אַריבער,

זינט איך האָב געטראַכט אין האַרצן:
קען דען אויף דער וועלט נאָך געבן
אַזאַ מענטש, וואָס האָט דיין נאָמען
נישט געהערט נאָך ביי זיין לעבן?

אפשר וועל איך אַ מדינה
אין דער ווייטן וואו געפֿינען,
וואָס זי צאָלט דיר נישט קיין שטייער
און זי קומט דיך נישט באַדינען?

בין איך טאַקע אָן אַן אָפּרו
ניינציק טעג מיט נעכט געפֿלויגן,
נישט קיין וואַסער צו מיין שנאָבל,
נישט קיין ברויט פֿאַר מיינע אויגן.

און איך ווייס נישט ווי, פון וואַנען
ס'האָבן כוחות זיך גענומען!
אין אַ שטאָט, וואָס זי הייסט קיטור,
בין איך סוף־כל־סוף געקומען.

ליגט די שטאָט אין וויטן מזרח,
איז פון אַלעמען פאַרהוילן,
און איר רייכטום — נישט צום שאַצן
אירע אוצרות — נישט צום ציילן.

ערד איז ממש פול מיט אוצרות,
פון בריליאַנטן גאַסן־ברוקן,
פול מיט זילבער, גאָלד, בורשטינען,
קיינער וויל דערויף נישט קוקן.

נאָך פון די בראשית־צייטן
ליגן איינגעפלאַנצטע דאָרטן
גערטנער, סעדער, וועלכע גיבן
פירות אַלע בעסטע סאָרטן.

פון גן־עדן פליסט אַ טייכל,
זופן ביימער אָן זיך כוחות,
בליען בלומען און זיי שפרייטן
אויס די שמעקעוודיקסטע ריחות.

און די מענטשן תמיד פריילעך
און זיי לעבן זיך בשלום —
אויסגעזאָרגטע מיט פרנסה,
און עס דוכט זיך — ס'איז א חלום.

האָב איך מער גענומען פאָרשן:
ווער דאָרט קעניגט און פון וואַנען?
און דערוואוסט זיך, אַז פון לאַנג שוין
איז אַ מלכה דאָרט פאַראַנען,

שבא איר נאָמען, ווי אַ צירונג,
אויף די ליפּן אַלע טראָגן,
און אַ ברכה מוז מען מאַכן,
ווען מען וויל איר נאָמען זאָגן...

וואָס זי רעדט אַרויס, איז הייליק,
און פון אַלצדינג מוז זי וויסן;
אַז זי גיט נישט איר הסכמה,
טאָר מען קיינזאַך נישט באַשליסן.

איצטער, אויב מיין האַר באַוויליקט,
קען איך צריק אין וועג זיך גרייטן,
און אין קיטור אַלע פירשטן
בינדן, שמידן זיי אין קייטן.

אוּן פאַר דיר אַהערצוּ ברענגען,
טריישאַפּט װעלן זיי דיר שװערן,
אוּן דאָס רייכע לאַנד פוּן קיטוּר
װעט דאַן אויך צוּ דיר געהערן. —

## טז. שלמה שיקט אַ בריוו צו דער מלכּה פון קיטור

שטאַרק געפעלן איז דעם מלך
פון דעם אויערהאָן די טענה —
(פאַר די אויגן שטייט אים קיטור...)
רופט ער צו די דינער זיינע:

— עסן פאַר דעם האָן דעם ווילדן
זאָלט איר ברענגען גלייך צו טראָגן
וויפיל נאָר זיין האַרץ וועט גלוסטן,
פון דאָס בעסטע, וואָס ער ט'זאָגן! —

איז דער אויערהאָן צופרידן,
און ער פאַטשט אַזש מיט די פליגל —
זעט ער, ווי מען ברענגט אים וואַסער
אין אַ גאָלדן, גרויסן קריגל,

און מען שטעלט אַוועק אַן עמער,
פול מיט קערנדלעך דערלעבן, —
וואָרקעט, קרייט ער פון גרויס שמחה,
וואָס מען האָט עס אים געגעבן.

לעשט זיין דורשט און שטילט דעם הונגער
און גאָר פריילעך זיך צעקרייט ער,
רופט זיך אָן צום מלך שלמה:
— צו דיין דינסט בין איך אַ גרייטער! —

רופט דער מלך זיינע שרייבער
און ער הייסט אַ בריוו זיי שרייבן:
„זיי באַגריסט, דו גרויסע מלכּה,
שלום זאָל ביי דיר פאַרבלייבן!

האָט מיך גאָט פון לאַנג געבענטשט שוין:
דו ווייסט זיין דער גרעסטער חכם,
און דיר, שלמה, וועל איך קרוינען
פאַר אַ מלך איבער מלכים.

הערש איך איבער אַלע ברואים,
איבער אַלע טויטע זאַכן,
אַלע סודות פאַר מיר אָפן,
איך פאַרשטיי אויך אַלע שפּראַכן.

ביי די חיות, ביי די פישן
איז מיין נאָמען צו געפינען;
איך באַהערש אויך אַלע ווינטן,
שדים קומען מיך באַדינען;

זינגט דער פייגל פאר מיר שירה,
שמעקט די בלום פאר מיינעטוועגן,
אלע פירשטן און מלכים
קומען ביי מיר עצות פרעגן.

נאר דו איינע — וואס באהאלטסט זיך?
דו מוזסט קומען מיך באגריסן!
וועל איך כבוד דיר פארשאפן —
אלע וועלן פון דיר וויסן.

אבער אויב דו וועסט נישט וועלן,
וועסט נישט פאלגן, מיך נישט הערן, —
וועל איך אויסריידן איין ווארט נאר,
און דו וועסט גלייך חרוב ווערן.

בייזע חיות, מחנות שדים
וועסטו מוזן דאן דערקענען,
און איך וועל א פייער שיקן,
אז ער זאל דיין שטאט פארברענען!"

און געהתמעט האט דער מלך
מיט זיין זיגל מיטן רונדן,
און דעם בריוו צום האנס א פליגל
האט מען נאכדעם צוגעבונדן.

האָט דער האָן גענומען פליען,
זיינע פליגלען ברייט צעשפּרייט ער,
און נאָך אים אַ גרויסע מחנה
קליינע פייגעלעך באַגלייטער.

טראָגט דער האָן זיך אין מרחקים,
איבער בערג און טאָלן פליט ער —
טאָג און נאַכט, אין ווינט און רעגן,
ביז ער האָט דערגרייכט צו קיטור.

ס'איז געווען דאָן באַגינען,
און די זון מיט אירע שפּיזן
האָט געשאַרט זיך אויפן הימל
און איר גאַנצע פּראַכט באַוויזן.

אָנגעפילט מיט אירע שטראַלן
אַלע לעכער, אַלע לוקן...
איז די מלכּה שבאָ אַרויס דאָן,
צו דער זון געוואָלט זיך בוקן.

האָט אַ וואָלקן אַ געדיכטער
אויפן הימל אָנגעצויגן
און פאַרשטעלט די זון אינגאַנצן
און פאַרפינסטערט איר די אויגן.

— האַר דו! — האָט זי אויסגעשריגן —
הערשער פֿון מזלות זיבן!
וואָסער כּוח אויפֿן הימל
האָט דײַן ליכט פֿון מיר פֿאַרטריבן? —

פֿלוצלונג זעט זי — עפּעס פֿייגל
פֿליען דאָרטן ערגעץ, אויבן,
און אָט נידערט אײַנער אונטן
מיט די פֿליגלען אויפֿגעהויבן...

בײַ איין פֿליגל אַ מגילה,
מיט אַ פֿאָדעם צוגעבונדן, —
„זאָל דאָס זײַן צו מיר אַ בריוו גאָר?"
האָט די מלכּה זיך געוואונדערט.

און מיט ציטער האָט די מלכּה
אויפֿגעבונדן אים די פֿליגל,
האָט דעם גרויסן בריוו גענומען
און געעפֿנט שלמהס זיגל...

האָט די מלכּה אַלע פֿירשטן,
אַלע זקנים אויפֿגעקליבן,
כּדי מיט זיי אַן עצה האַלטן
וועגן בריוו, וואָס מ'האָט געשריבן.

טראַכטן לאַנג דאָן די חכמים,
ווער איז שלמה פאַר אַ איינער —
פון זיין מלוכה, פון זיין גרויסקייט
נישט געהערט פון זיי נאָך קיינער!

ס'איז אַוודאי אויך נישט אמת —
וואָס־זשע קנייטשן זיך דעם שטערן?
און זיי ראַטן, אַז די מלכה
זאָל פון דעם שוין מער נישט קלערן.

זייער עצה האָט די מלכה
גאָר אין זינען נישט גענומען
און געהייסן, די מאַטראָסן
זאָלן אַלע צו איר קומען.

גאָלד מיט זילבער אָנגעלאָדן
אויף די שיפן אירע גרעסטע,
שטיינער, פערל, אַלע סאָרטן,
פון די אוצרות אירע בעסטע.

און זעקס טויזנט יינגלעך, מיידלעך,
אַלע פון די זעלבע יאָרן,
אַלע מיט די זעלבע קליידער
— און גלייך אַלע אָפּגעשאָרן —

דער אויער האן מיט א בריוו פון שלמהן פאר דער
מלכה שבא

א גוטערמאן.

אַלע, אַלע גלײַכגעװיקסיק,
אַלע שײנע װי אײן פּנים,
און די שטימעס אויך די זעלבע,
אַלע גלײַכע, אָן סימנים,

און זײ אָפּגעשיקט צו שלמהן
אין איר נאָמען צו באַגריסן,
די מתּנות אים צו געבן, —
זאָל ער פון איר רײַכטום װיסן!

און געהײסן אים דערצײלן,
אַז פון קיטור מוז מען פאָרן
ביז מען גרײכט צו ירושלים
גאַנצע זיבן לאַנגע יאָרן.

נאָר זי װעט נישט קענען רוען
און באַמיען זיך דעריבער,
װי צום שנעלסטן אָנצוקומען —
דרײַ יאָר, מער װעט נישט אַריבער,

אין זײַן לאַנד מוז זי דערגרײכן,
(ס'װעט אין דעם קײן זאַך איר שטערן!)
מיט זײַן גרױסקײט זיך באַקענען,
שלמהס חכמה אױסצוהערן.

## יז. שלמהס דינער זיינען
## מקבל־פנים דער מלכּה שבֿאָ

ציילט די טעג שוין איצט דער מלך:
— פּונקט דריי יאָר איז שוין אַריבער! —
ווערט דער קעניג לוסטיק, פריילעך,
פּוצט זיין פּאַלאַץ אויס דעריבער

רופט בניהון צו און זאָגט אים:
— שיט אויס בלומען אויף די וועגן,
ס׳דאַרף די מלכּה שבֿאָ היינט קומען —
מוזסט אַרויסגיין איר אַנטקעגן.

ווער עס האָט נאָר פּויק און טאַצן
מוז זיך נעמען שוין צו גרייטן!
וואו אַ זינגער, וואו אַ שפּילער
צו זיין פּאַלאַץ איר באַגלייטן. —

קניט בניהו און ער ענטפערט:
— כ׳בין צו דינסט דעם מלך גרויסן!
איך וועל פאָלגן, איך וועל הערן
וואָס דער מלך וועט נאָר הייסן! —

שענסטע וועכטער פון דעם מלך
אויף די וועגן שטייען, היטן, —
שורות אין מלבושים נייע,
גאָלד און זילבער גלאַנצט אינמיטן;

נישט מיט בייזע פּיל־און־בויגן,
נישט מיט שפּיז, וואָס וואַרפט אָן אימה —
זאָל די מלכּה שבאָ נישט מיינען,
אַז אויף שווערד נאָר שטיצט זיך שלמה.

מיט לולבים, גוטע אויגן
שיינען גליקלעך איר אַנטקעגן, —
אַז די מלכּה שבאָ זאָל וויסן:
פרידן רוט אויף שלמהס וועגן!

פּלוצלונג רייסט זיך אויס אַ שלום
און אַ טומל איז געוואָרן —
ס'איז די מלכּה מיט איר סוויטע
אויף דעם וועג אַרויפגעפאָרן!

בליצט איר רייטוואָגן פון ווייטן:
רייַנסטער גאָלד אַרום די שפּיצן,
רעדער — זילבער־אויסגעשמידטע,
אין געשפּאַן בריליאַנטן בליצן.

און די פערד ווי ליבן הורזשען,
ליפן, פליען, נײַן — זײ שוועבן!
גיט אַ קנאַק די בײַטש פון שמײַסער,
ווי אַ דונער וואָלט געגעבן!

זעט די מלכּה, ווי פון ווײַטן
בליט אַ רויז צעווישן בלומען —
אירע פאַרבן־בלעטלעך — וואונדער!
ווילט זיך איר די רויז באַקומען...

אָבער ווען זי קומט צו נענטער,
הויבט די רויז זיך אָן פאַרבײַטן
אויף אַ שטערן, וועלכער שפּרייט אויס
ליכט און גלאַנץ אויף אַלע זײַטן.

און וואָס נענטער, מער און מערער
שײַנט און גלאַנצט דער זילבער־שטערן.
ס'האָט די מלכּה זיך פאַרוואונדערט:
ווי אַזוי דען קען עס ווערן?

שנעל געכאַפּט די בײַטש פון שמײַסער,
שטאַרקער אירע פערד געשמיסן,
כּדי וואָס־גיכער אָנצוקומען
און דעם סוד פון וואונדער וויסן.

אָט נישט ווייט שוין פֿון דער מלכּה
איז דאָס וואונדער־בילד פֿאַראַנען.
וואָס־זשע זעט זי? נישט קיין שטערן,
נאָר אַ מענטש איז גאָר געשטאַנען!

אין אַרום אים אויסגעפּוצטע
שטייען רייכע פֿירשטן, היטן;
קלערט די מלכּה: „ס'איז אַוודאי
מלך שלמה אינדערמיטן"...

און באַרוישט פֿון גרויסער שׂמחה,
פֿול מיט טרערן אין די אויגן,
זיך דערנענטערט צו בניהון
און פֿאַר אים די קני געבויגן.

אירע פֿירשטן אויך מיט כּבֿוד
אַרום זיך גענומען קוקן,
יעדער איינער צוגעקומען
פֿאַר בניהון זיך צו בוקן.

זאָגט בניהו: — גרויסע מלכּה!
מוזסט אין טעות זיך געפֿינען,
איך בין איינער פֿון די מענטשן,
וואָס דעם קעניג בלויז באַדינען. —

האָט פֿאַרחידושט זיך די מלכּה
און געבליבן שטיין פֿאַרקלערט;
און בניהו האָט דאַן רואיק
אירע ווערטער אויסגעהערט:

— ס'האָט דער לייב זיך נישט באַוויזן,
און זיין פּראַכט האָב איך דערקענט;
ס'לייכט די שיינקייט פֿון דעם מלך
דורך פּאַלאַצן גראָבע ווענט. —

## יח. מלכה שבאָ קומט צו שלמהן
## אין אַ קריסטאַלענעם פּאַלאַץ

דוכט זיך יעדן, אַז דער מלך
אין זיין פּאַלאַץ מוז איצט שווימען.
אַז דער פּאַלאַץ פון קריסטאַל איז,
ווייס נישט קיינער פון דערינען.

פון דעם קלאָרסטן גלאָז דעם רייִנסטן
שטייען סלופּקעס אויסגעגאָסן;
אַלץ אַרום קריסטאַל־געשליפן,
אונטן וואַסער איז געפלאָסן...

זעט מען דורך, ווי ס'שווימען פישן,
ווי פון גאָלד אויף זיי די שופּן,
פּאַטשן, פליעסקען מיט די עקן
און דאָס וואַסער אין זיך זופּן.

וואַרט דער מלך אין זיין פּאַלאַץ,
הויבט זיין האַרץ אָן שטאַרקער שלאָגן —
אַז די מלכה שבאָ וועט קומען,
וואָס־זשע וועט זי אויף דעם זאָגן?

נאָר עס האָבן אים די פויקן
די מחשבות גלייך צעטריבן —
אויף די גאַסן, הערט ער, שרייט מען:
„כבוד אונזער גאַסט דעם ליבן!"

פאַר דער מלכּה שטייען אָפן
פון קריסטאָל די ברייטע טירן;
מיט געזאַנגען וועט בניהו
זי דאָ ברענגען באַלד צו פירן.

ציילט דער מלך די סעקונדן...
אָט איז מלכּה שבאָ געקומען..
קוקט פאַרוואונדערט, ווי דער מלך
אויפן וואַסער איז געשוואומען.

נעמט פון זיך די קליידער אויסטאָן,
גיט דער מלך מילד א שמייכל:
— שיינע מלכּה, האָסט אַ טעות,
נאַקעט קומט מען נישט אין היכל!

גלאָז, קריסטאָל נאָר איז מיין פּאַלאַץ,
האַרט ווי שטיין און נישט קיין נאַסער —
און דו נאַרסט זיך, און דו רעכנסט:
דו דאַרפסט בראָדזשען גאָר אין וואַסער! —

## יט. די מלכּה שבֿאָ פרעגט דעם מלך רעטעניש

זאָגט די מלכּה שבֿאָ צו שלמהן:
— גרויסער הערשער איבער טראָנען!
ביסט דער שענסטער צווישן מלכים,
פול מיט ליבשאַפט איז דיין נאָמען.

איצטער בעט איך דיך, דערלויב מיר,
אַ פּאָר רעטענישן פרעגן:
איך וויל וויסן, אויב באמת
פיל מיט חכמה דיינע וועגן. —

שמייכלט ליב צו איר אָפּ שלמה:
— פרעג מיך, פרעג מיך, איך וויל הערן;
דיינע רעטענישן, גלויב איך,
וועל איך אַלע דיר דערקלערן. —

זאָגט די מלכּה: — וועלכע וואַסערן
נישט פון הימל טוען גיסן,
נישט פון פעלזן, שטיינער־שפּאַלטן, —
שטענדיק פון איין אָרט נאָר פליסן?

טרעפט אַמאָל: דאָס וואַסער זיס איז,
ווי פון האָניק — צוקער־קוואַלן,
און אַן אַנדערש מאָל גאָר ביטער,
ווי צעקוועטשטע גרינע גאַלן? —

ענטפערט שלמה באַלד דער מלכּה:
— קענסט מיין תשובה שוין אויסהערן:
זאָלסטו וויסן, ליבע מלכּה,
נישט די הימלען גיסן טרערן.

אויף אַ שמחה טרערן זיסע,
פליסן נישט פון פעלזן־שפּאַלטן;
אויגן טריפן ביטער־טראָפּנס,
ווען אַ צרה איז באַהאַלטן.—

פרעגט די מלכּה: — אפשר ווייסטו,
אַזאַ מזל ווער ס'קען האָבן,
וואָס אין סאַמע מיטן לעבן
זאָל מען דאַרפן אים באַגראָבן.

אין דער ערד טיף ליגן, פוילן,
פרישע כּוחות דאָרטן קלייבן —
די באַגרעבער זאָלן נאָכדעם
די פאַרדינסטן פון דעם קלייבן? —

— טיף מוז מען די ערד צעגראָבן,
שיטן קערנדלעך דערינען, —
אין די פולע זאַנגען־תּבֿואות
די פאַרדינסטן צו געפינען. —

פרעגט די מלכּה דאַן אים ווידער:
— זאָג מיר, מלך, ווער אַזוינער
קומט צו אונז אַראָפּ פון הימל
אַזאַ קלאָרינקער און ריינער,

נאָכדעם ווערט ער שמוציק, מיאוס,
ביז עס קומען אָן די צייטן,
לויפט ער ווידער צו די וואָלקנס
זיך אויף ריינעם צו פאַרביטן. —

ענטפערט שלמה: — וואָס נאָך קלאָרער
פון די הויפּנס שניי, וואָס גלאַנצן?
קומען מענטשן, מען צעטרעט זיי,
מען צעבלאָטיקט זיי אינגאַנצן.

וואַרעמט נאָר די זון אָן זומער —
דאַן צערינען שוין די שנייען;
פליסן טייכעלעך אין ימים
און פון דאָרט צום וואָלקן גייען. —

זאָגט די מלכּה: — ס׳איז אַוודאי
צריך מיט זיבן יאָרן געוועזן;
ס׳איז דיין אויערהאָן געקומען,
און איך האָב דיין בריוו געלעזן.

און דערוואוסט זיך פון דיין חכמה,
פון דיין נאָמען, כּבֿוד גרויסן,
האָב איך דינער אויפגערופן
און איך האָב זיי באַלד געהייסן

פון די רייכע אוצרות מיינע
אויסקלייבן בריליאַנטן בעסטע,
פון דעם ריינסטן גאָלד מיט זילבער
אָנלאָדן די שיפן גרעסטע.

פון מיין גאַנצן לאַנד געקליבן
מיט איין פּנים יינגלעך, מיידלעך,
און די הויך, די האָר די זעלבע,
אויך די פאַרטוכלעך און קליידלעך.

און זיי אָפּגעשיקט אַהערצו
אין מיין נאָמען צו באַגריסן —
גאָלד, בריליאַנטן אַ מתּנה,
פֿון מיין רייכטום זאָלסטו וויסן.

זאָל דיין שיינקייט, מלך, צירן,
וואָס דו האָסט פֿון מיר גענומען!
איצטער בעט איך, ליבער מלך,
הייס די שלוחים מיינע קומען. —

און עס דויערט קוים אַ רגע,
ווי אַ שנירל וואָלט זיך ציען,
איינער נאָכן צווייטן קומען,
אַלע פּאַר דער מלכּה קניען.

ציילט די מלכּה אַלע איבער,
ס'זאָל קיין איינער פֿון זיי פֿעלן,
און זי הייסט זיי פּאַרן מלך
זיך אין גלייכע שורות שטעלן.

און זי רופֿט זיך אָן צום מלך:
— ביסט אַ חכם, טרעף דעריבער,
ווער אַ יינגל, ווער אַ מיידל,
גיי לעם יעדערן אַריבער. —

לאכט דער מלך: — שיינע מלכה,
וואָס־זשע דאַרף איך קריכן, שפּאַנען?
אויף מיין אָרט וועל איך דאָ זיצן
און דיר זאָגן וואָס זיי זיינען. —

הייסט דער מלך זיי זיך וואַשן,
(ברענגען דינער צו באַלד וואַסער)
נאָר קיין האַנטיכער נישט געבן —
בלייבט דאָך יעדערער אַ נאַסער.

הייסט דער מלך — פולע קוישן
שטעלט מען אויף אַוועק דערלעבן,
די זעקס טויזנט יינגלעך, מיידלעך
ניס מיט עפּל זאָל מען געבן.

נישט געפּאַסט מיט הענט מיט נאַסע
די מתּנות זיך צו נעמען —
האָבן יינגלעך זיך פאַררוויטלט
און זיך שטאַרק גענומען שעמען.

נאָר די מיידלעך אָפּגעווישט זיך,
אין די פאַרטיכער געריבן, —
זיינען איבעריקע נאַסע
סאַמע יינגלעך נאָר געבליבן.

זאָגט די מלכּה: — קלוגער שלמה,
וועל איך דיר מיט דעם נישט שטערן?
כ׳האָב דיך עפּעס נאָך צו פרעגן,
בינסטו גרייט עס אויסצוהערן?

שמייכלט שלמה: — פרעג מיך, פרעג מיך,
אַלע תּשובות וועסטו קריגן;
אַז דו פרעגסט מיך און איך ענטפער,
איז מיין גרעסטער פאַרגעניגן. —

— אין דער ערד ווערט עס געבאָרן
און עס ברענט מיט פייער־פלאַם,
ווי די זון אין הימל לייכט עס,
פליסט ווי וואַסער און איז סם? —

טראַכט דער מלך נישט קיין רגע
און אַ תּשובה פאַרטיק ווערט:
— ליבע מלכּה, יעדער ווייסט דאָך
נאַפט באַשאַפן ווערט אין דר׳ערד.

ברענען ברענט עס מיט אַ פייער
און ביינאַכט דאָס ליכט אונז גיט —
פליסיק איז עס אויך ווי וואַסער,
סמען קאָן מען זיך דערמיט. —

פרעגט די מלכּה דאַן אים ווידער:
— וואָס באַטייט עס, זאָג אַצינד:
אַלע מתים, טויטע פּוצט עס
און די לעבעדיע בינדט?

און די עופות און די פייגל
שאַפט במילא עסן גלייך
און דאָס פלעכט אויס גרויסע נעצן
פאַר די פישן אין דעם טייך? —

ענטפערט אָפּ דער מלך ווידער,:
— ליבע מלכּה, יעדער ווייס,
אַז פון פלאַקס נאָר שפּינט מען לייוונט,
לייוונט פּוצט דעם טויטן אויס.

און די שטריק פון פלאַקס אויך דרייט מען,
ווייס דאָך יעדער אויף געוויס,
און מיט שטריק נאָר קען מען בינדן
אַלע לעבעדיקע פיס.

אוּן די פלאַקס פאַר עופות, פייגל
קערנדלעך צום עסן גיט,
שפּינט מען דינע ליינען־פעדעם,
פלעכט מען נעצן אויס דערמיט. —

האָט די מלכה זיך פאַרוואונדערט:
— אמת, שלמה, כ׳האָב פאַרשטאַנען —
אויף דער גאַנצער וועלט דער גרויסער
איז דיין גלייכן נישט פאַראַנען! —

## כב. שלמה המלך זאָגט, אַז צווישן טויזנט פרויען איז נישטאָ קיין איינע אַ רעכטע

איינמאָל זאָגט דער מלך שלמה:
— נעמט אייך אַלע גוט אין זינען,
צווישן טויזנט מענער קען מען
נאָך אַ טרייען מאַן געפינען;

אָבער ווייבער זיינען פאַלשע:
צווישן גאַנצע טויזנט פרויען
איז קיין איינע נישט פאַראַנען,
מ'זאָל אַ מאַן איר קענען טרויען.—

הערן רואיק אויס די זקנים,
רירן זיך נישט פון די ערטער;
וואונדערן זיך: „וואָס האָט שלמה
היינט געזאָגט אַזעלכע ווערטער?

נישט צו גלויבן! — זאָל דער מלך
אויף דעם ברענגען אונז אַ ראַיה!
ס'איז נישט מעגלעך, צווישן טויזנט
זאָל נישט זיין קיין איין געטרייע".

איז דער מלך אויף דעם מסבים,
מען זאָל ברענגען דאָ צו פירן
מאַן און ווייב פון שענסטן יחוס
וועט דער מלך זיי פּרובירן.

זוכט מען, פּאָרשט מען צו געפינען
מאַן און ווייב צעווישן יידן,
פרומע, גאָטספאָרכטיקע מענטשן,
וועלכע לעבן זיך אין פרידן.

קומען וועכטער און דערציילן:
— ס׳איז אַ פּאָר אַזאַ פאַראַנען:
זי הייסט נועה, ער אַמתי,
און זיי וואוינען נאָנט פון דאַנען.

זאָל דער מלך אונז דערוויזן,
אַז זיין טענה איז גערעכט;
אַז אַמתי איז אַ טרייער,
נאָר זיין ווייב איז פאַלש און שלעכט. —

אויף די ליפּן פון דעם מלך
איז אַ פראַגע אויפגעשוואומען;
— וואָס האָט איר זיי צווישן אַלע
פאַר אַ מוסטער זיך גענומען? —

— ווייל מיר האָבן, ליבער מלך,
אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירן,
אויסגעטראָטן אַלע סטעזשקעס,
צו אַמתּיס הויז וואָס פירן;

און מיר ווייסן, אַז גאָטס ברכה
רוט אויף אַלע זיינע וועגן,
און געבענטשט האָט גאָט זיי ביידן
מיט אַ רייך און גרויס פאַרמעגן.

שטענדיק זיינען זיי צופרידן,
נועה בעט, אַז גאָט זאָל געבן,
אַז איר גוטער מאַן אַמתּי
לאַנג געזונטערהייט זאָל לעבן.

און אַמתּי טוט אויך תּפילה
שטענדיק נאָר פאַר נועהס וועגן, —
בעט ביי גאָט, אַז ער זאָל בענטשן
און באַגליקן נועהס וועגן.

און אַ יום־טובדיקער זכר
איז די חתונה פאַרבליבן;
זיי און הערצער האָט די ליבע
זיך מיט טריישאַפט איינגעשריבן. —

זאָגט דער מלך צו די זקנים:
— האַלט דעם סוד אין האַרץ פאַרהוילן;
ווען און וועמען איך וועל פּרוּוון,
טאָרט איר קיינעם נישט פאַרציילן. —

בוקן זיך פאַר אים די זקנים,
שווערן פאַרן מלך גרויסן:
— פון דעם סוד וועט קיינער וויסן,
ווי דער מלך האָט געהייסן! —

## כג. אמתי זאָגט-צו דעם מלך צו ברענגען נועהם קאָפּ

שיקט דער מלך אַ שליח,
און עס האָט נישט לאַנג גענומען —
און צו דינסט דעם מלך שלמה
איז אַמתי אָנגעקומען.

רופט זיך אָן צו אים דער מלך:
— זאָלסט, אַמתי, זיך נישט שרעקן,
כ'האָב גערופן דיך אַהערצו,
כדי אַ סוד דיר צו אַנטפּלעקן.

לאַנג געהערט האָב איך פון דיר שוין,
ס'איז דיין האַרץ דאָך אומשולדיג ריינע —
מיט דיין הערלעכקייט און חכמה
נישט פאַרגלייכן וועט זיך קיינער.

און דעריבער וויל איך טרויען
מיינע שליסלען — דיין געוויסן...
זאָל קיין טירל פון מיין פּאַלאַץ
אָן דיין דעה זיך נישט שליסן.

און אַ פּידשט פון מיינע אוצרות
קאָנסטו זיין דיין גאַנצן לעבן,
און די שענסטע טאָכטער מיינע
פאַר אַ ווייב וועל איך דיר געבן. —

קניט אַמתי: — ליבער מלך!
כ׳דאַנק דיר פאַר דעם כבוד גרויסן,
כ׳בין צו דינסט, און איך וועל פאָלגן,
וואָס דער מלך וועט נאָר הייסן. —

רופט זיך אָן צו אים דער מלך:
— כ׳דאַרף דעם עיקר דיר נאָך זאָגן:
מאָרגן פרי זאָלסטו דאָ ברענגען
נועהס קאָפּ פאַר מיר צו טראָגן...

אַנדערש קענסטו שר נישט ווערן,
כ׳וועל מיין טאָכטער דיר נישט טרויען;
זאָל מיין קינד מיין טייערס מיידן
די מחלוקת פון צוויי פרויען! —

פּלוצלונג עפנט מען די טירן,
זינגט מען לידער, לויב־געזאַנגען,
און דער שר פון מלכס אוצרות
איז דעם זאַל אַדורכגעגאַנגען.

ווי איין מאַן גלייך, אַלע דינער
זיינען אויף די קני געפאַלן, —
פון דעם שר די קרוין פון מלכות
וואַרפט כּסדר ליכט און שטראַלן.

און דערווייל קנאה=פעדעם
אין אַמתיס האַרץ זיך וועבן
„וועל איך ווען, אַזאַ כּבוד
שטייט מיר פאַר מיין גאַנצן לעבן...“

און ער ענטפערט אָפּ דעם מלך:
— מאָרגן פרי. ווי ס׳נעמט נאָר טאָגן,
וועל איך קומען און וועל ברענגען
נועהס קאָפּ פאַר דיר צו טראָגן. —


אמתי שטייט פאר זיין ווייבס בעט
מיט א שווערד אין דער האנט
א.ג.

## כד. אמתי קומט אהיים
## מיט א שווער געמיט

אומעטיק איז היינט אמתי,
ס׳האט א צרה אים געטראפן, —
קען נישט עסן און נישט טרינקען,
קען נישט רוען, קען נישט שלאפן;

און א שווייגנדיקע בלאסקייט
אויף זיין פנים איז פארצויגן —
זיינע ליפן פעסט געשלאסן,
טרויער רוט אין זיינע אויגן.

שווייגט אמתי, און זכרון
שפאנט ער איצט אויף אלטע וועגן,
קוקט אן נועהן מיט א וויטאק...
נועה וואגט אים נישט צו פרעגן.

זעט זי, נועה, — וואס א רגע
שפרייט זיין טרויער זיך אלץ מערער;
ווארט זי, ער זאל איר דערציילן,
און איר ווערט אלץ שווערער, שווערער,

ביז זי קען שוין מער נישט וואַרטן!
אירע אויגן גיסן טרערן:
— טייערער אַמתּי מיינער!
זאָלסט דיין צרה מיר דערקלערן!

וואָס ביסטו אַזוי פאַרטרויערט?
מיר, דיין ווייב, קענסטו פאַרציילן;
כ׳וועל צו גאָט אַ תּפילה שיקן,
וועט ער אונזער צרה היילן.

ווייל, אַמתּי, אין דיין טרויער
איז מיין שמחה אויך באַגראָבן, —
טאָרסט פון מיר קיין זאַך באַהאַלטן,
דאַרפסט פאַר מיר קיין סודות האָבן. —

און זי בעט זיך מיט תּחנונים
און די טרערן גיסן, גיסן, —
נאָר עס קרעכצט אַרויס אַמתּי:
— טאָרסט, מיין טייערע, נישט וויסן! —

וואַקסט דער נייגער אין איר שטאַרקער,
ווייזט פאַרדרוס אַרויס סימנים,
און זי שטייט פאַרקלערט ביים פענסטער
מיט אַ רוגז אויף איר פּנים.

## כה. אַמתי גייט מיט דער שווערד אָפּהאַקן זיין ווייב דעם קאָפּ און קריגט חרטה

און מיט שטילע טריט פון ספיקות
איז די נאַכט באַלד אָנגעלאָפן, —
קושט אויס נועה אַלע קינדער
און זי לייגט זיך מיט זיי שלאָפן.

אין מחשבות, ווי די שטיינער,
אין איר האַרצן שווערן, שווערן —
שעפּטשען אירע ליפּן קריאת־שמע:
„גאָט, דו זאָלסט מיין תפילה הערן!

„אָט פאַרמאַך איך מיינע אויגן,
גאָט דו איינציקער אין הימל,
זאָלסט די אַפּלען מיינע שליסן
מיט אַ רויק־זיסן דרימל.

„זאָלסט אַ שלאָף אויף מיר פאַרציען,
איך זאָל אויפשטיין נאָך בשלום,
זאָל די נאַכט פון מיר פאַרמיידן
יעדן שלעכטן, בייזן חלום“.

אויף זיין בעט דאָרט ליגט אַמתי
זיינע אויגן זיינען אָפן:
קוקט אַריין אין טיפן חושך,
וואו זיין ווייב און קינדער שלאָפן.

און זיין דופק, ווי אַ האַמער
וואָלט אין האַרצן אים געשלאָגן:
יאָ, די נאַכט איז דאָך אַ קורצע —
באַלד וועט אָנהויבן צו טאָגן!

ווי מיט וועלכן בלינדן כוח
וואָלט אַמתי זיך געדונגען...
נאָך אַ רגע — פּלוצלונג איז ער
פון זיין בעט אַראָפּגעשפּרונגען.

איין מינוט נאָר, און אָט שטייט ער
איבער נועהס בעט געבויגן —
האַלט זיין בלאַנקע שווערד די שאַרפע
פון דער שייד אַרויסגעצויגן.

נאָר ער פילט די קינדערס אָטעם!
ווי זיי וואָלטן זאָגן תפילה...
— איך וועל טויטן זייער מאַמע?
גאָט דו איינציקער, חלילה! —

און מיט טרערן אין די אויגן,
מיט אַ האַרץ, וואָס איז געבראָכן,
צו זיין בעט צוריק אַמתי
שטיל, פּאַמעלעך צוגעקראָכן.

ווי אין פערד־גאַלאָפּ מחשבות
דורך זיין מוח רייטן, רייטן —
און די ספיקות אין זיין האַרצן,
ווי די בליצן שנעל זיך בייטן:

אָטאָ שטאַרקט זיך אַ מחשבה
און צעוואַקסט זיך גרעסער, גרעסער:
— גוט פאַר מיר איז טאַקע נועה —
שלמהס טאָכטער איז דאָך בעסער...

אַ חכמה, זאָגן אַלע,
אין דעם גאַנצן לאַנד נאָר איינע;
יעדע פרוי איז איר מקנא,
ווייל זי איז אַ וואונדערשיינע.

יעדער איינער וועט מיך רימען,
און אַ פירשט וועל איך אויך ווערן —
צווישן פרייד און גליק מיט מלכות
וועט מען אויך מיין נאָמען הערן.

דאַרף איך קלערן גאָר אַ רגע?
— כ׳זע מיין כבוד פאַר די אויגן!
שנעל פון בעט אַראָפּגעשפּרונגען,
צריק די שווערד אַרויסגעצויגן.

און די נאַכט האָט שוין דערווײַלע
אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן —
זעט מען ווי זי גוססט, גוססט,
ראַנגלט זיך מיט גרויע פאַרבן.

פול מיט גבורה איז אמתי
באַלד צו נועהס בעט געקומען —
זעט ער, ווי די קינדער אירע
האָבן זי אַרומגענומען,

און דערזעט אויף נועהס פנים
פון זיין שווערד דעם לאַנגן שאָטן —
איז פאַרשעמטערהייט אמתי
צו זיין בעט צוריקגעטראָטן.

— איך אַ מערדער?... מיינע קינדער,
לאָזן, וויי, יתומים ווערן?...
די, וואָס ליבסט מיך, זאָל איך טויטן?...
ווי האָב איך געקענט עס קלערן!

היט מיך, גאָט, פון שווערע פּרוווּן
און פון שטנס שפּין=געוועבן —
גאָט, פאַר אָט דעם בייזן חלום
כ׳וועל זיך שעמען ס׳גאַנצע לעבן!

אָ פאַרגיב מיר, גאָט, זיי מוחל!
ס׳איז מיין הארץ פאַר דיר דאָך אָפן!... —
און באַרויקט מיט דער תפילה
איז אַמהר איינגעשלאָפן.

## כה. אַמתי קומט פאַרן מלך און דערציילט אים פון זיין חרטה

טריט פון ווייסן ליכט אין מאָרגן,
ווי אין לופטן וואָלטן קלינגען,
און די פייגל האָבן לאַנג שוין
מאָרגן־שירה אָפּגעזונגען.

קען פאַר שוועלן אויסגעצויגן,
הינט אין זונענשיין אויף הויפן,
פול די גאַסן שוין מיט קינדער,
וועלכע יאָגן זיך מיט רייפן.

נאָר עס שלאָפט נאָך אַלץ אַמתי,
שטיל איז נועה, וויל נישט שטערן;
אפשר וועלן זיינע דאַגות
מיט דעם שלאָף פאַרשוואונדן ווערן!

נאָר אָט עפנען זיך די טירן,
שלמהס דינער ביי די שוועלן —
און זיי מעלדן, אַז אַמתי
זאָל זיך פאַרן מלך שטעלן.

אויפגעכאַפּט האָט זיך אַמתי,
רייבט די אויגן, שטאַרק פאַרשלאָפן.
זעט די דינער און דערמאָנט זיך,
וואָס עס איז מיט אים פאַרלאָפן.

איז אַמתי מיט די דינער
צו דעם מלך אָנגעקומען.
פרעגט אים שלמה: — האָסט, אַמתי,
נועהס קאָפּ מיט זיך גענומען? —

פאַלט אַמתי פאַרן מלך,
קושט די פיס אים, טרערן רינען:
— זאָל דיין קנעכט אַמתי איצטער
חן און גנאָד ביי דיר געפינען!

זאָל דער מלך מיר צוליב טון,
מער צו מיר פון דעם נישט ריידן!
ווייל דאָס שאַפט מיר נאָך יסורים
און פאַרשטאַרקט נאָך מיינע ליידן. —

פרעגט אים שלמה: — האָסט, אַמתי,
גוט גענומען זיך אין זינען?
האָסטו אָפּגעשאַצט דעם כבוד,
וואָס דו קענסט ביי מיר געפינען?

גאָלד מיט זילבער און מיין טאָכטער
און אַ נאָמען און אַ דעה —
וועגט דען אַלצדינג ביי די איבער
נאָר דאָס לעבן פון דיין נועה? —

קוקט אמתּי אָן דעם מלך,
און די אויגן פול מיט טרערן:
— פון מיין הארצן אַלע סודות
מוז איך איצטער דיר דערקלערן:

צוויי מאָל בין איך אין דער פינסטער
צו מיין נועהס בעט געקומען —
און די שאַרפע שווערד אויך צוויי מאָל
אין דער האַנט האָב איך גענומען.

אָבער. שטומערהייט די קינדער
האָבן „גזלן!" מיר געשריגן...
די, וואָס ליבט מיך, זייער מוטער..
כ'האָב רחמנות גלייך געקריגן.

נישט פאַר אוצרות, נישט פאַר כּבוד,
וואָס דער מלך וויל מיר געבן,
וועל איך מיין געליבטע טויטן
און איר צונעמען דאָס לעבן.

כ׳דאַנק אַצינד דעם גרויסן בורא
פאַר מיין ערלעך, ריין געוויסן,
וואָס ער האָט מיין האַרץ געוואָרנט,
אַז איך זאָל קיין בלוט פאַרגיסן! —

✻

הייסט דער מלך אַלע ווערטער
פון אמתי צו פאַרשרייבן,
פאַר די קומענדיקע דורות
זאָל עס אין אַ ספר בלייבן.

## כו. צווי שטאַפּעטן קומען צו נועהן און רופן זי צום מלך

ס׳איז אַ חודש שוין אַריבער,
די מעת־לעתן פרישע קומען,
און דער וויטאָק פון אַמתי
מיט די טעג איז שוין פאַרשוואונדן.

פול מיט ליבע יעדן מאָרגן
וועקט אַמתי אויף זיין נועהן,
און ער שעפּשעט: — צי איז נועה
נישט די שענסטע פון די פרויען?

אַזאַ זיסע פרוי צו האָבן
איז אויף זיכער אַ גן־עדן!
גאָט, מיר זאָלן לאַנגע יאָרן
ביידע דורכלעבן אין פריידן!

אָ איך דאַנק דיר, מיין באַשעפער,
ס׳קלעקט פאַר אַלעמען דיין זעגן —
דאָך געבענטשט האָסטו מיך מערער
און באַגליקט מיר מיינע וועגן! —

זעט אַמתּי זײַנע קינדער
און ער שעפּטשעט צו זיך װידער:
— אָט דאָ ליגן מײַנע אוצרות! —
און ער קושט זײ אױס די גלידער.

דאַװנט דאַן אַמתּי שחרית:
— גאָט דו אײנציקער און ליבער!
פֿון דער טיפֿעניש פֿון האַרצן
שיק איך איצט אַ דאַנק דיר איבער!

פֿאַר דעם הערלעכן פֿרימאָרגן,
װאָס דו האָסט מיר נאָך געגעבן,
װײַל איך קען דיר איצטער דאַנקען
פֿאַר דעם פֿרישן טאָג אין לעבן! —

און גאָר פֿרײלעך און צופֿרידן
זינגט ער זיך אַ לידל אונטער,
עסט זײַן ברױט אָפּ — צו דער אַרבעט
גײט ער האָפֿערדיק און מונטער.

אױף דער ערד דאָרט אין זײַן גאָרטן
איז אַמתּי זיך געזעסן,
און געקלערט זיך: גאָר אינגיכן
װעט מען קענען װײַנען פֿרעסן.

ווייל די טרויבן זיינען פולע,
צו דער ערד זיך טוליען, בויגן...
ליב צעשמייכלט זיך זיין פנים,
גלאנצט אַ פרייד אין זיינע אויגן.

מען וועט לייכטער ווייַנען פּרעסן!
ביי די קינדער אין זכרון
מוז נאָך לעבן — ס׳אַראַ שמחה
ס׳איז געוועזן פאַראַיאָרן.

און פאַרטראַכטערהייט, אַ ווייַלע,
איז אַמתי שטיין געבליבן —
די זכרונות האָט ער אַלע
ביסלעכווייז צונויפגעקליבן.

...און דערווייל זיינען צו נועהן
אָנגעקומען צוויי שטאַפעטן
און זיך נויגנדיק געמאָלדן,
אַז דער מלך האָט געבעטן,

נועה זאָל צו אים גלייך קומען,
ווייל ער דאַרף איר וואָס פאַרטרויען:
זאָל זי קיינעם גאָרנישט זאָגן,
ווי דער שטייגער פון די פרויען.

אויסגעפּוצט האָט זיך באַלד נועה
אין די רייכסטע שענסטע קליידער;
— וואָס קאָן מיך דער מלך דאַרפן? —
טראַכט זי אונטערוועגס כסדר.

און אָט שטייט זי שוין פאַר שלמהן,
שפּילט זיך כלומרשט מיט די קרעלן,
טראַכט אין האַרצן: — שיינער שלמה,
וואָס=זשע קענסטו פון מיר וועלן? —

## כז. שלמה גיט נועהן אַ בלייענע שווערד צו טויטן איר מאַן

רופט זיך שלמה אָן צו נועהן:
— כ'דאַנק דיר, וואָס דו ביסט געקומען,
ביסט די שענסטע צווישן פרויען,
ווי די רויז צעווישן בלומען!

און איך וויל דיר פאַר אַ מלכּה,
ווייל דו ביסט מיר שטאַרק געפעלן,
איבער אַלע ווייבער מיינע
אין דער שפּיץ וועל איך דיר שטעלן.

וואָס דיר וועט זיך נאָר פאַרגלוסטן,
וואָס דיין האַרץ וועט נאָר באַגערן,
די מינוט גלייך — ביי מיין מלכות! —
וועט אַלצדינג מקוים ווערן! —

בוקט זיך נועה דאַן פאַר שלמהן:
— מלך שיינער, מיין באַשערטער!
איך בין גליקלעך און איך דאַנק דיר
פאַר די קלוגע, גוטע ווערטער! —

רופט זיך אָן צו איר דער מלך:
— דיין אמתי מוזסטו טויטן!
ווי וועסטו דען קענען אַנדערש
נעמען זיך אַ מאַן אַ צווייטן?

ענטפערט נועה מיט אַ שמייכל:
— כ'קען דיר, מלך, דאָס נאָר זאָגן:
היינט ביינאַכט וועל איך דאָ ברענגען
מיין אמתיס קאָפּ צו טראָגן.

טראַכט זיך שלמה אין זיין האַרצן:
— ווי־זשע זאָל איך איצטער שטערן,
אַז אמתיס בלוט, חלילה,
זאָל דאָ נישט פאַרגאָסן ווערן? —

קלערט דער מלך נאָר אַ רגע
און עס פינקלען זיינע אויגן:
אָ איך וועל אַ שווערד איר געבן,
וואָס זי וועט צו גאָרנישט טויגן.

און ער ברענגט איר באַלד צו טראָגן
אַזאַ בלייען שווערד אַ ווייכע
און ער זאָגט איר: — נעם צו, נועה,
וועסט מיט דעם דיין ציל דערגרייכן.

ווי אַ חלף אויסגעשאַרפט זי,
נאָר איין שניט — און האָסט געטראָפן!
זאָלסט פון שייד נישט פריער ציען,
ביז דיין מאַן וועט זיכער שלאָפן! —

ענטפערט נועה אָפּ דעם מלך:
— דיינע ווערטער, ווי געזאַנגען! —
און זיך נויגנדיק פאַר שלמהן,
איז זי שנעל אַהיים געגאַנגען.

## כח. נועה וויל דערהרגענען איר מאַן און צעבויגט די שווערד

היינט איז נועה מלא שמחה:
פלעכט אַ גאַנצן טאָג נאָר בלומען,
גייט אַרויס דעם מאַן אַנטקעגן,
ווייל אַמהי דאַרף באַלד קומען.

זי דערזעט אים פון דערווייטן,
הויבט זי אָן צו אים צו זינגען
און באַוואַרפט אים מיט די בלומען
און פון שמחה נעמט זי שפּרינגען.

איז אַמהי שטאַרק צופרידן:
נועהס שמחה איז אויך זיינע!
קושט ער, צערטלט ער און גלעט זי:
— טייערע דו נועה מיינע! —

און זי ענטפערט אָפּ מיט קושן,
אירע אויגן פייער־פונקען,
און איר צינגל, ווי געשליפן,
גיט אים שטאַרקן ווייַן צו טרינקען.

ביז אַמתּיר פֿאַלט פֿון שיכּרות
און מיט אויגן האַלבע אָפֿן,
שאַרט ער זיך צו זיין געלעגער
און ער ווערט באַלד איינגעשלאָפֿן.

לעשט אויס נועה אַלע לאָמפּן
און פֿאַרשליסט אויך אַלע טירן,
עס זאָל קיינער איר נישט שטערן,
וואָס זי גרייט זיך אויסצופֿירן.

און מיט אימפּעט האָט זי, נועה,
באַלד די שווערד אַרויסגעצויגן —
און אַ זעץ!... נאָר ס'האָט די שווערד זיך
באַלד צעדרייט און איינגעבויגן...

און אַמתּיר האָט דערשראָקן
אויפֿגעכאַפּט זיך מיט געוואַלטן —
זעט ער, ווי זיין נועה האָט גאָר
אַ צעקרומטע שווערד געהאַלטן!

האָט אַ כּעס אים אָנגעצונדן:
— ווער האָט דיר די שווערד געגעבן?
וועלכע שלאַנג האָט אָנגערעדט דיר
צונעמען ביי מיר דאָס לעבן? —

נועה וויל טויטן איר מאן

ווייַנט זיך נועה שטאַרק פוּנאַנדער:
— זאָל מיך גאָט דערפאַר באַשטראָפן! —
אוּן דערציילט איר מאַן דעם אמת,
וואָס עס האָט מיט איר געטראָפן.

## כט. די זקנים באַשטעטיקן שלמהס קלוגע ווערטער

אויף צומאָרגנס שווייגט אַמתי,
שעמט זיך נועה אויך צו ריידן,
קומען שלמהס דינער מעלדן,
אַז דער מלך רופט זיי ביידן.

זיינען זיי אַוועק צום מלך,
זעען זיי, ווי אַלע זקנים
די יועצים, די חכמים
אויפגעקליבן זיך אינאיינעם,

און אין שפּיץ דער מלך שלמה,
אַרום אים די שומרים וואַכן;
ווי ער האָט דערזען זיי ביידן,
האָט ער שטאַרק גענומען לאַכן.

פרעגט אַמתין דאַן דער מלך:
— האָסט זיך רואיק אויסגעשלאָפן,
שעם זיך גאָרנישט און דערצייל דאָ,
וואָס ביינאַכט האָט דיר געטראָפן. —

זאָגט אמתי שטיל צום מלך:
— ס׳איז מיין האַרץ פאַר שאַנד צעריסן,
און צוואָס נאָך זאָלן אַלע
פון מיין חרפּה איצטער וויסן? —

ענטפערט שטרענג דער מלך ווידער:
— אַלץ דערציילֿ, וואָס ס׳האָט געטראָפן.
הויבט אמתי אָן צו ריידן:
— זיס בין איך די נאַכט געשלאָפן,

נאָר אַ טעמפּער קלאַפּ, אַ שווערער,
האָט מיר אויפגעמאַכט די אויגן;
זע איך לעבן מיר מיין נועהן,
אין איר האַנט אַ שווערד צעבויגן.

האָב איך גוט די זאַך פאַרשטאַנען
און דעם חסד אויך געלעזן:
וואָלט די שווערד פון שטאָל געוועזן,
וואָלט איך טויט שוין איצט געוועזן... —

רופט זיך אָן צו אים דער מלך:
— כ׳האָב בכיוון איר געגעבן
אַזאַ שווערד, וואָס קען נישט טויטן,
אָפּצוראַטעווען דיין לעבן. —

זאָגט צו אים אַמתּי ווידער:
— האָסט מיך אויך געוואָלט געווינען,
פאַר דעם קאָפּ פון נועהן מיינען
זאָל איך כבוד, גאָלד געפינען.

נאָר איך האָב אויף מיין געליבטער
שטאַרק רחמנות דאָן געקריגן,
אויף דעם רייכטום, כבוד גרויסן,
אויף דעם גאָלד האָב איך געשפּיגן! —

האָבן די חכמים רואיק
אויסגעהערט אַמתּיס ווערטער;
ווי איין מאַן דאָן האָבן אַלע
אויפגעשטעלט זיך פון די ערטער.

און צו שלמהן אויסגערופן:
— דיינע ווערטער ריכטיק זיינען,
אַז צעווישן טויזנט מענער
איז אַ טרייער מאַן פאַראַנען;

נאָר די פרויען זיינען פאַלשע, —
צווישן גאַנצע טויזנט פרויען
איז קיין איינע נישט פאַראַנען,
מ׳זאָל אַ מאַן איר קענען טרויען! —

## ל. די מלכה שבֿאָ רעדט-צו דעם מלך צו פֿאָרן שפּאַצירן איבערן לאַנד

איינמאָל אין אַ טוי-באַגינען
— ס׳ווייזט דער מאָרגן קוים סימנים —
איז די מלכּה שבֿאָ געקומען
מיט אַ פרייל̃עך, ליכטיק פּנים,

פֿאַר דעם מלך שלמהס טירן,
שאַרכנדיק מיט אירע קליידער;
האָט דער מלך באַלד געהייסן
זי אַריינרופן אין חדר

און געזאָגט איר: — זייַ אַ ווײַלע,
ליבע מלכּה — נישט געטראָפן
האָט די רו היינט צו דעם מלך,
און איך בין נישט אויסגעשלאָפן. —

האָט די מלכּה שבֿאָ געענטפערט:
— ס׳איז גערעכט די רו צו מאָנען,
דאָך צום מערסטן מיידט זי טאַקע
אויס דעם גוף, וואָס זיצט אויף טראָנען.

זאָגט די מלכּה: — זײַ מיר מוחל,
זאָל מײַן עצה דיך נישט מײַדן,
פֿון אַ װײַטערע נסיעה
װיל איך איצטער מיט דיר רײדן.

ס'דאַרף דער מלך גוט דערקענען
אױך דעם לאַנדסמאַן אױף זײַן באָדן
און דעם פּױער בײַ זײַן אַקער,
כּדי זײַן הערשאַפֿט זאָל נישט שאָדן.

גרױס און ברײט איז דײַן מלוכה —
יאָ, דערצו װיל איך דיר זאָגן,
אַז פֿון שטאָט דעם גרױסן טומל
איז שױן שװער מיר צו פֿאַרטראָגן.

ס'װאָלט דערײַבער רעכט געװען,
קלוגער קעניג, פֿערד צו שפּאַנען,
װײַל איך רעכן: — ס'איז אַװדאי
נאָך אַ זאַך אַזאַ פֿאַראַנען

אױפֿן לאַנד, װאָס װעט דיך װײַלן:
ס'איז דאָס פֿאָלק פֿון מלכים רײַכער,
קלוגער פֿון די שטאָלצע הױף־לײַט
און מיניסטערישע בײַכער. —

פערד צוויי שטאָלצע, קעפּ פאַרריסן,
פול, פאַרפּוצט מיט בונטע שלייפן,
איבער וועגן, בריקן, סטעזשקעס,
ווי די הירשן פלינקע לויפן.

ווייט פון פּאַלאַץ האָט דער מלך
מיט דער מלכּה אָפּגעריטן —
זעען זיי אַ פעלד אַ גרינע,
שלאָגט אַ קוואַל אַרויס אינמיטן.

פרעגט די מלכּה באַלד דעם מלך:
— אפשר קענסט מיר, ליבער, זאָגן,
וואו שעפּט אָן דער קוואַל די כּחות,
הערט נישט קיינמאָל אויף צו שלאָגן? —

ענטפערט וויציק אָפּ דער מלך:
— כ'האָב דיך, מלכּה, גוט פאַרשטאַנען,
פאַר דעם קוואַל די כּוחות גרייטע
אין דעם זעלבן אָרט פאַראַנען,

וואו די הערצער פון געליבטע
טוען ליבלעך זיך דערקוויקן,
פאַר דעם נחת אין דעם לעבן
גאָט די ברכות נאָכדעם שיקן. —

זאָגט די מלכּה דאַן צו שלמהן:
— כ׳האָב דיך, מלך, אויך פאַרשטאַנען.
וועלן מיר צו גאָט די ברכות
ביידע אָפּשיקן פון דאַנען.

וועלן מיר דאָ בלייבן רוען,
כ׳וויל דעם רויש פון קוואַל דערהערן,
און דערנאָכדעם וועסט די סודות
פון דעם רוישן מיר דערקלערן. —



שלמה מיט דער מלכּה שבֿא אויף שפּאַציר

פריילעך, לוסטיק זיינעןביידע
פון דעם מיסטוואָגן געשפרונגען —
דורך דער שטילקייט אין דער רגע
האָט אַ פרוי פון נאָנט געזונגען:

— שפרייטן זיך די אוצרות מיינע
איצטער איבער פעלדער ברייט,
וואו מיין ליבער אַביעזר
פרישע תבואות שיט און זייט.

ערגעץ, איבער לאָנקעס גרינע
רוט מיין פריידיקער געמיט,
וואו מיין יינגל אַחיעזר
שעפסן סטאַדעס פאַשעט, היט.

האָלץ די וועגטלעך פון מיין שטיבל —
ליבער מיר ווי מאַרמאָר־ווענט;
פון פאַלאַצן בלאָזט אַ קאַלטקייט,
אויפגעשטעלט דורך פרעמדע הענט.

פון מיין שטיבל יעדעס ברעטל
זינגט אַראָפּ אַ ליד באַקאַנט —
אַביעזר האָט געזונגען,
ווען ער האָט געשטעלט די וואַנט.

גיי איך מיר אַריין אין גאָרטן,
שעפּטשען בלומען סודות־זיס,
שטרעקן העלזלעך, בעטן טרינקען,
נעם איך וואַסער און באַגיס.

בענטשט אונז גאָט מיט תּבֿואות גוטע,
איז מיין ברויט געשמאַק און פיין;
בענטשט אונז גאָט מיט טרויבן פולע —
טרינקען מיר אויך גוטן וויין.

איך בין גליקלעך און צופרידן,
קיין זאַך פעלט אונז קיינמאָל ניט —
ס'איז אונז בעסער נאָך ווי שלמהן
(גאָט באַשיצט אים און באַהיט!)

ער האָט גאָלד מיט זילבער־אוצרות,
זעלנער, כּבֿוד און אַ קרוין;
מיר — נאָר פעלדער, גערטנער, בהמות
און אַ שטיבעלע גאָר קליין.

אָבער אונז איז בעסער, בעסער!
— כ'דאַרף קיין טראָן, קיין גאָלדן-שטול —
ווייל מיט קנאה-טרערן אייביק
זיינען גאָלדנע בעכערס פול. —

האָט דאָס זינגען זיך פאַרענדיקט,
זיצט דער מלך אַ פאַרקלערטער,
הערט ער רואיק אין דער שטילקייט
פון דער מלכּה שבֿאָ די ווערטער:

— ליבער מלך, נעם אַ מוסר
דיר אַן אָפּ פאַר זיך פון דאַנען!
זאָגסט, אַז צווישן טויזנט פרויען
איז קיין רעכטע נישט פאַראַנען.

ס'האָט אַ פרוי נאָר-וואָס געזונגען,
האָסט פאַרנומען די געזאַנגען?
לידער פון איר גוטן גורל
און באַשיידענע פאַרלאַנגען.

לאַכט זיך אויס פון גאָלד און זילבער,
מלכים האָט זי נישט אין זינען —
וועסט קיין גליקליכערן, מלך,
אויף דער וועלט שוין נישט געפינען!

און איך בעט דיך, זאָלסט זי פּרוּאוון,
איך בין זיכער, אַז דעריבער
וועט דיין טעות זיך באַווייזן
און דיין מיינונג בייטן, ליבער! —

שמייכלט שלמה און ער ענטפערט:
— איך וועל טאָן צוליב דיין ווילן,
ווייל עס ווילט מיך, ליבע מלכה,
אין אַזוינס מיט דיר זיך שפּילן.

לאָמיר אויפזעצן זיך ווידער,
צו דער גליקלעכער צורייטן —
איך בין זיכער, אַז מיין מיינונג
וועל איך דאַרפן אויך נישט בייטן! —

דער מלך מיט דער מלכה הערן זיך צו
צו א געזאַנג פון דער ווייט

א גוטערמאַן

## לב. אביעזרס פרוי נעמט־אויף
## די געסט און זינגט לידער

האָט דער מלך מיט דער מלכּה
בערג און טאָלן דורכגעשניטן,
ביז צו אַביעזרס הייזל
זײַנען זיי גלײַך צוגעריטן.

טונקט דאָס הייזל זיך אין בלומען,
רינגלט עס אַרום אַ גאָרטן —
ס'איז די פרוי פון אַביעזר
פאַר דער טיר געשטאַנען דאָרטן.

ווי דערזען האָט זי זיי ביידן
פון דערווײַטן אויף די וועגן,
האָט איר האַרץ גענומען קלאַפּן
און זי לויפט זיי שנעל אַנטקעגן:

— זײַט געבענטשט, איר געסט מיר ליבע,
קומט אַרײַן צו מיר אין חדר!
רוט זיך אָפּ פון אײַער רייזע,
וואַרפט אַראָפּ פון זיך די קליידער.

קוואַלן קילן אין מיין גאָרטן,
מיינע בלומען שפּרייטן ריחות,
ס׳איז מיין ברויט נאָך פריש געבאַקן,
ווען איר שעפּן פרישע כּוחות.

עפּעס דוכט זיך ווי אַ מלכות
איבער אייך וואָלט זיין פאַרצויגן;
קומט אַריין צו מיר אין הייזל! —
און זי האָט די קני געבויגן.

רופט זיך אָן צו איר דער מלך:
— איך וועל טאָן נאָך דיין פאַרלאַנגען! —
און ער איז באַלד מיט דער מלכּה
אין איר שטוב אַריינגעגאַנגען.

וואַסער קאַלטע פון די קוואַלן
האָט די פרוי געבראַכט צו טראָגן,
מילך מיט אייער, קעז מיט פּוטער,
פרישע, נאָר־וואָס אויסגעשלאָגן.

טויזנט טעמים יעדער מאַכל,
ווי אַמאָל דער מן פון הימל —
ווייסע זעמל, קיכל, קוכנס
ברויט באַשאָטענער מיט קימל.

און זי בעט זיך: — נישט פאַרשעמט מיך
נעצט כאָטש איין ביי מיר דעם גומען,
ס׳איז גאָטס ברכה אין מיין פּראַצע,
זאָל אייך וואוילערהייט באַקומען! —

און דער מלך מיט דער מלכה
האָבן גלייך גענומען עסן;
זאָגט די מלכה: — פרוי דו ליבע,
כ׳קען דיין זינגען נישט פאַרגעסן!

פריער זיינען מיר פון ווייטן
דאָרטן ביי די בערג געשטאַנען.
הערן מיר, ווי זיסע טענער
שוועבן צו צו אונז פון דאַנען.

נאָכדעם הערן מיר די ווערטער —
פון דיין גליק האָסטו געזונגען;
יעדער טאָג אַ זילבער־גלעקל,
ווי אין לופטן וואָלט געקלונגען.

און דערפאַר וועל איך דיך בעטן
(אויב דיר וועט עס נאָר נישט שטערן),
נאָכאַמאָל פאַר אונז דאָ זינגען,
ס׳איז מיר ליב דיין קול צו הערן. —

האָט אַ זיסע, דינע שטימע
אין דער לופטן באַלד געקלונגען,
אויף דער ביטע פון דער מלכּה, —
האָט די פרוי אַזוי געזונגען:

„וואָלט איך זיין די מוטער חוה,
אין דעם געטלעכן גן־עדן
און ווי זי אַמאָל געגאָסן
פון דאָס סאַמע גוטס און פריידן,

וואָלט איך מיין וואָרט ערלעך האַלטן:
טריי צו גאָט וואָלט איך געבליבן,
און די שלאַנגען, פאַלשע צינגער,
וואָלט איך גלייך פון זיך פאַרטריבן.

טויזנט שלאַנגען זאָלן קומען,
אָנריידן די בעסטע זאַכן,
נישט געפאָלגט וואָלט איך דאַן קיינעם
כ׳וואָלט פון דעם זיך נאַרנישט מאַכן.

און פאַרפירט וואָלט מיך נישט קיינער,
אַז איך זאָל מיט זינד זיך שפּילן;
כ׳וואָלט פון עץ־הדעת די עפּל
נישט געגעסן, לויט גאָטס ווילן!"

שלמה מיט דער מלכּה בײ דער זינגערן אין שטוב

ווי פֿאַרענדיקט האָט זי זינגען,
האָט די מלכּה אויסגערופֿן:
— צווישן טויזנט פֿרויען האָב איך
שוין אַ רעכטע פֿרוי געטראָפֿן.

נאָר צעווישן טויזנט מענער
איז קיין איינער נישט פֿאַראַנען,
ס'זאָל זיין ערלעכקייט זיך ווייזן
ווי אַביעזערס פֿרוי פֿון דאַנען. —

מיט געלעכטער האָט דער מלך
אירע ווערטער באַלד צעשלאָגן
און פֿאַרבעטן זי אין גאָרטן,
ווייל ער דאַרף איר עפּעס זאָגן.

## לג. דער מלך ברענגט צו פירן א קעסטל מיט א מײַזעלע

גייען זיי ארום אין גאָרטן
איבער אַלע סטעזשקעס, וועגן —
אומעטום די בלומען־קוסטעס,
ווי געצירט פאַר זייערטוועגן.

שלוחים צו דעם מלך, מלכּה
קומען־אָן גלייך צו באַגריסן:
ריחות פון די בלומען שטאַלצע
מיט די קעפּ אין דר׳הויך פאַרריסן.

און די קליינע, שוואַכע בלימלעך
פון דער ערד פאַרשעמטע בליקן,
ווי זיי וואָלטן שטום געבעטן:
— ליבע פינגער, קומט אונז פליקן! —

זאָגט דער מלך צו דער מלכּה:
— בלייב א ווײַלע מיט די בלומען,
איך וועל נאָר צום וואָגן צוגיין
און איך וועל צוריק באַלד קומען.

ווייל איך דאַרף די פּרווי פּרובירן,
דאַרף איך דאָרטן עפּעס נעמען —
ווּעסט דורכדעם זיך שוין דערוויסן,
וואו דער טעות און ביי וועמען. —

אויף אַ באַנק אַליין אין גאָרטן
איז די קעניגין געבליבן;
שאַרנדיק דאָרט מיט אַ שטעקן,
האָט זי אויפן זאַמד געשריבן:

„שלמה ליבער, מלך גרויסער,
אָט די פּרווי וועט דיר דערווייזן —
בינסט אַ קלוגער, דאָך אַ מענטש בלויז,
און אַ מענטש קען איביק גרייזן!"

נאָכדעם האָט זי אַלע אותיות
אויסגעלייגט מיט קליינע בלומען,
זאָל דער מלך זיי באַמערקן,
ווען ער וועט צוריק דאָ קומען

און דער מלך מיט די פערד איז
ערגעץ אין דעם וואַלד פאַרשוואונדן,
און ער האָט אַ קליינעם פּעקל
ביי דעם זאָטל אויפגעבונדן.

און ער האָט אַ קליינטשיק קעסטל
באַלד פון דאָרט אַרויסגענומען —
און ער איז גלייך צו דער מלכּה
מיט דעם קעסטעלע געקומען.

ביי דעם בלומען־כּתב דער מלכּהס
איז דער מלך שטיין געבליבן,
אויסגעריסן פרישע בלומען
און מיט דעם באַלד צוגעשריבן:

„ביסט גערעכט, מיין שיינע מלכּה,
יאָ, אַ מענטש קען טאַקע גרייזן,
און דעריבער בין איך זיכער,
אַז דיין טעות וועט זיך ווייזן".

— אָט האָב איך אַ קליינעם קעסטל
פון דעם וואַלד געבראַכט צו טראָגן —
וואָס אין קעסטל איז פאַראַנען,
זאָלסטו קיינעם גאָרנישט זאָגן. —

ריכטיק האָט די מלכּה דערמאָנט,
ווי אויף אמת, פונקט גענאָסן...
פון דעם קעסטעלע אַ טירל
האָט דער מלך אויפגעשלאָסן.

זעט די מלכּה, אַז אין קעסטל
איז אַ מײַזעלע פֿאַראַנען —
און אַ גלעזעלע אַ קלײנס איז
פֿול מיט װאַסער דאָרט געשטאַנען.

און דאָס װײַסע מײַזל רױִק
איז אין װינקעלע געזעסן —
קערנדלעך איז דאָרט געװעזן
אױף דרײַ טעג פֿאַר דעם צו עסן.

זאָגט דער מלך צו דער מלכּה:
— אָט דאָס מײַזעלע פֿון דאַנען
װעט שױן װײַזן, װוּ דער אמת
און דער טעות איז פֿאַראַנען. —

און דאָס קעסטל צוריק פֿאַרשלאָסן
און מיט זיך עס מיטגענומען,
און דערנאָכדעם זײַנען בײדע
צוריק אין שטוב אַרײַנגעקומען.

## לד. דער מלך גיט־איבער אַביעזרן מיט זיין ווייב אָפּצוהיטן דאָס קעסטעלע

אין דער צייט פון פעלד פון ווייטן
טראָגן זיך אַהער געזאַנגען:
אַביעזר מיט זיין זון איז
פון דער אַרבעט צריק געגאַנגען.

און מען זעט זיי דורכן פענסטער
שלייכן מיד זיך אויף די וועגן —
איז די פרוי פון אַביעזר
שנעל געלאָפן זיי אַנטקעגן.

און דערציילט זיי: — געסט פאַראַנען
און זיי טראָגן מלכות־קליידער,
און מיר דוכט זיך, ליכט מיט שמחה
שפּרייטן זיי אַרום כסדר. —

האָט געאיילט זיך אַביעזר
און גענומען גיכער שפּאַנען,
איז ער כאָר אין שטוב געקומען
און דערקענט באַלד, ווער זיי זיינען.

זיינע קני האָט ער געבויגן,
אויף דער ערד אַ פֿאַל געגעבן;
אויפֿן קול הויך אויסגערופֿן:
— זאָל דער מלך אייביק לעבן! —

רופֿט זיך אָן צו אים דער מלך:
— ליבלעך איז מיר דיין באַגריסן!
אַז איך בין דער מלך שלמה
זאָג, פֿון וואַנען קענסטו וויסן?—

ענטפֿערט אָפּ באַלד אַביעזר:
— יעדער ייד מוז זיך געפֿינען
יום־טוב אין דעם בית־המקדש,
גאָט צו לויבן, גאָט צו דינען;

און איך בין אין ירושלים
אויך געוועזן שוין דעריבער,
דאָרט געזען האָב איך דיך, מלך,
און דערפֿאַר דערקענט דיך, ליבער. —

זאָגט דער מלך: — איצטער האָב איך
עפּעס נאָך מיט אייך צו ריידן;
זאָל דיין ווייב אַהערצו קומען,
ס'איז אַ סוד פֿאַר אייך נאָר ביידן. —

זיינען ביידע שנעל געקומען,
ווי אויף ווינטן נאָר געטראָגן,
שטייען גרייטע פאַרן מלך,
הערן, וואָס ער וועט זיי זאָגן.

זאָגט דער מלך: — כ׳מוז שוין ווידער
מיט דער מלכה ערגעץ רייטן,
און איך וויל נישט אַלע זאַכן
מיינע שלעפן אין דער ווייטן.

ווייל דריי טעג, מער וועט נישט נעמען,
רייטן מיר צוריק אַריבער,
וועל איך אָט דאָס קליינע קעסטל
אָפּשטעלן ביי אייך דעריבער.

עס וועט ליגן דאָ אין ווינקל
צווישן פענסטער און די טירן,
נאָר איר זאָלט זיך נישט דערוועגן
עס צו עפענען און רירן.

וועט איר פאָלגן — דעמאָלט, ליבע,
וועל איך אייך מתנות געבן;
אויב קאַפּויער, זאָלט איר וויסן,
זענט איר מקריב אייער לעבן. —

און פאַרענדיקט האָט דער מלך:
— דאָס איז אַלץ, וואָס איך דאַרף זאָגן. —
אַביעזרן דעם שליסל
פון דעם קעסטל צוגעטראָגן.

נאָכדעם זיינען מלך, מלכּה
פון די ערטער אויפגעשטאַנען
און זיי בענטשנדיק גאָר פריינדלעך,
אָפּגעריטן באַלד פון דאַנען.

## לה. אַביעזרס ווייב וויל וויסן, וואָס אין קעסטעלע איז פֿאַראַן

לייכט, ווי אויף די שפּיצן פינגער,
שאַרט די נאַכט זיך שטיל געטראָטן,
קומט פֿאַמעלעך, ווי בגנבה
וואָלט זי חושך אויסגעשאָטן.

דעקט זי צו אַלץ מיט אַ שלייער,
ס׳איז דער טאָג שוין באַלד פֿאַרשוואונדן —
און דער הימל אַ פֿאַרשעמטער
ט׳זיך אין מעריב אָנגעצונדן.

וואַרפֿט ער פֿלאַמען אין די טייכלעך—
ברענען וועלדער, קען מען מיינען!
אָט קומט שאָרכנדיק די נאַכט אָן,
שלעפֿט אַראָפּ די פֿייער־קרוינען.

אָטעמט אויס פֿון זיך אַ שוואַרצקייט,
שלינגט אַריין דאָס ליכט און פֿלאַמען —
דעמאָלט קומען קליינע קינדער,
טוליען־צו זיך צו דער מאַמען.

פֿרייט די מאַמע זיך און שמייכלט,
ס׳איז איר האַרץ פֿאַר זיי דאָך אָפֿן —
און זי קושט זיי אויס די קעפּלעך:
— צייט שוין, קינדערלעך, צו שלאָפֿן!

⁂

רויִק איז זיך אַביעזר
מיט זיין ווייב ביים טיש געזעסן,
אָפּגעדאַנקט שוין גאָט אַפֿילו
פֿאַר דעם אָוונטיקן עסן.

זאָגט זיין פֿרוי צו אים: — מיין ליבער!
אָך, ווי וואָלט איך וועלן וויסן,
וואָס דער מלך האָט געקענט דאָרט
אין זיין קעסטעלע פֿאַרשליסן!

איז זי פֿול מיט גאָלד און זילבער,
מיט בריליאַנטן, פּערל־שטיינער, —
צי מיט כּישופֿדיקע זאַכן...
אפֿשר גאָר מיט מתים־ביינער? —

רופֿט זיך אָפּ באַלד אַביעזר:
— הלמאַי גאָר זאָל מען קלערן?
אונזער מלך אין די סודות
טאָרן מיר געוויס נישט שטערן.

אויך די ביטע פון דעם מלך
טאָרן מיר דאָך נישט פאַרשעמען,
נאָך דריי טעג, און ער וועט קומען
און דאָס קעסטעלע דאַן נעמען.

צו דער נייגעריקייט, ליבסטע,
טאָר מען קיינמאָל זיך נישט נייגן —
לאָמיר בעסער איצטער רוען,
שלאָפן בעטן זיך די אויגן.

און מיין קאָפּ ציט גאָר צום קישן,
מיינע פיס, ווי מיד זיי זיינען!
וואָלסטו בעסער, ליבסטע, וויסן,
וויפיל אַרבעט ס'איז פאַראַנען!

מאָרגן מוז איך פריער אויפשטיין,
גלייך ווי ס'לעשן זיך די שטערן,
זאָג אַליין: דאַרף איך פון קעסטל
איצטער ריידן גאָר און קלערן? —

איז די פרוי דאַן שטיל געבליבן,
נאָר עס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן,
ווייל געברענט האָט זי מיט נייגער —
וואָס אין קעסטל איז פאַרשלאָסן.

## לז. אביעזרס ווייב
## האָט שלעכטע חלומות.

דער באַגינען רופט צו אַרבעט —
אָ, ווי שנעל די נאַכט פאַרגאַנגען!
אביעזר חברט זיך שוין
אויף די פעלדער מיט די זאַנגען.

קוועלט פון נחת, אַזאַ שפע!
שעפּט אַן חיות, אָטעמט לעבן,
שוין באַרעכנט אין מחשבה,
וויפיל דאַרף ער מעשר געבן.

און צופרידן בינדט ער גאַרבן,
איינגעפלאָכטענע אין לידער:
ווער ס'איז אָרעם זאָל דאָ קומען!
איך וועל העלפן מיינע ברידער!

און ער ווישט זיין נאַסן שטערן
און ער קוקט זיין אַרבעט איבער —
נישט באַמערקט ג'אָר: אַזוי גיך שוין!
ס'איז אַ האַלבער טאָג אַריבער!

ביי דעם אַקער אַביעזר
האָט פֿון אַלעמען פֿאַרגעסן,—
נאָר די הייסע זון פֿון הימל
האָט דערמאָנט אים: צייט צו עסן.

ס׳איז דאָס פֿעלד אַ ברייטער צימער,
און דער טיש איז דאָ די סאָכע;
זונען־שטראַלן — גוטע אורחים
שמייכלען צו, צו מזל־ברכה.

אָטאָ איז זיין ווייב געקומען
און זי זאָגט אים: — זאָלסט זיך יאָגן!
עס אָפּ גיכער, עפּעס פֿיל איך,
כ׳קען די היץ היינט נישט פֿאַרטראָגן. —

הויבט דער מאַן זיך אויף דערשראָקן:
— וואָס האָט דען אַזוינס געטראָפֿן?
לייכט דעם טאָג אָן אַנדער זון דען?
ביסטו נישט די נאַכט געשלאָפֿן?

צי אַ שלעכטע בשורה האָט דיר
עמעצער געבראַכט צו טראָגן?
אָדער ביסטו קראַנק, חלילה?
זאָלסט דעם ריינעם אמת זאָגן! —

רופט זיך אָפּ זײַן ווײַב דאַן ווידער:
— כ׳ווייס, דײַן טרײַשאַפט איז אַן עכטע,
ס׳האָט קײן זאַך מיר נישט געטראָפן —
— כ׳האָב געהאַט חלומות שלעכטע.

כ׳האָב געזען, ווי מחנות שדים
פון דעם מלכּס קעסטל שפּרינגען —
און מיט פּײַפּנדיקע שטימען
ווילד געשריגן און געזונגען.

אין אַ ווילדן קאַראַהאָד־טאַנץ
האָבן זײ זיך אײַנגעפלאָכטן,
יעדער אויג פון זײ אַ חלף —
ס׳האָט די שרעק מיך אָפּגעשאָכטן!

אָ, פאַרשאָלטן איז די רגע,
ווען דער מלך איז געקומען
מיט זײַן כּישופדיקן קאַסטן
און מײַן רואיקײט פאַרנומען!

אָ, ווי ס׳שרעקט מיך! דאָך ווי גלוסט מיך
אָט דעם סוד זיך צו דערוויסן!
ווײַז מיר, ליבער, וואָס דער מלך
דאָרטן האָט געקענט פאַרשליסן. —

האָט געענטפערט אביעזר:
— ווי דען קענסטו עס גאָרריידן?
פאַר א קרבן פון דעם קעסטל
ברענגען מיר די קעפּ פון בײדן.

כאָוועסט אין דיין האַרצן נייגער,
ווי דעם גיפט פון בייזע שלאַנגען;
זיי נישט זינדיק! — און ער איז באַלד
צו דער אַרבעט שנעל געגאַנגען.

לז. אַביעזרס ווייב ווערט
קראַנק צוליבן קעסטעלע

אָוונט־צייט, ווען אַביעזר
איז אין שטוב אַרײַנגעקומען,
האָט ער קראַנק זײַן ווייב געטראָפן
מיט אַ שמייכעלע אַ קרומען.

באַלד דערקענט די לײַדן אירע
דורך די ליפּן די פאַרפּרעסטע:
— וואָס האָט דיך אַזוי דערשלאָגן?
זאָג, מײַן טײַערסטע, מײַן בעסטע!

כ׳מיין, אַז דו וועסט מיר נישט הייסן,
כ׳זאָל אַ טפשות אַזאַ גלייבן —
אַז אָט דאָס פאַרשאָלטן קעסטל
זאָל אַזוי די רו דיר רויבן.

צי איז דען דער אָוונט־שטערן
הײַנט בײַנאַכט נישט אויפגעגאַנגען?
אָדער צי דעם וועג געמיטן
האָבן מיידלשע געזאַנגען?

היינט ווי שטענדיק ציטרעס, לירעס
פילן אָן מיט פרייד די וועגן,
און ווי אַלע מאָל פאַר שוועלן
קוקן זקנים אויס דעם רעגן.

איך וויל וויסן, ווער אַזוינער
טוט די פרייד פון דיר פאַרווישן,
כדי דאָס ברויט מיר ביטער מאַכן
און מיין וויין מיט טרערן מישן.

צי אַ מחלה האָט גאָר אפשר
אויסגעלאָזט צו אונז דעם צאָרן?
ווען איך פרי די אָקסן שפּאַנען
און מיט דיר קיין גלגל פאָרן. —

ענטפערט וויינענדיק דאָס ווייבל:
— קען איך דיר אַ תשובה געבן?
דיר איז טייערער דאָס קעסטל,
ווי דיין טרייערס גאַנצער לעבן. —

שטאַרק פאַרביטערט אַביעזר
האָט גענומען ווידער ריידן:
— ווייסט דאָך, ליבסטע, אַז דער סוד איז
אַ סכנה פאַר אונז ביידן.

נאָר איך זע, דו קענסט נישט רוען,
און איך וויל דיין וואונטש דערפילן.
גיב אַ קוק אין לאָך פון שליסל,
אפשר וועסט דיין נייגער שטילן... —

ס׳איז געפעלן איר די עצה,
גלייך אַרויס פון בעט די קראַנקע,
מיט אַ פיבער, מיט אַ ציטער,
מיט אַ מישונג אין געדאַנקען,

צוגעקראָכן צו דעם קעסטל,
זיך פּאַמעלעך איינגעבויגן —
אין דעם לעכל פון דעם שליסל
איינגעגראָבן אירע אויגן...

אָנגעטאַפּט אים מיט די פינגער
און געוואָלט די חידה לעזן —
נישט געזען אין קעסטל גאָרנישט,
פּוסט און פינצטער דאָרט געוועזן...

צוגעלייגט דערנאָך איר אויער,
אפשר וועט זי וואָס דערהערן —
איינגעהאַלטן לאַנג דעם אָטעם,
כדי די רואיקייט נישט שטערן.

נאָר עס האָט דאָך נישט געהאָלפן,
ס׳הערשט אַרום אַ טויטקייט שטילע —
שווייגט עקשנותדיק דאָס קעסטל, —
נישט צו טאָן קיין שאָרך אַפילו.

וואַקסט דאַן ווידער אויף איר ווייטאָג,
ס׳ווערט איר טרויעריקער, שווערער.
— אַביעזר! מיט דיין עצה
האָסט מיין הארץ פאַרוואונדעט מערער!

איצטער — סיידן איך וועל שטאַרבן!
מוזסט דעם סוד פאַר מיר אַנטפּלעקן —
ניין, איך קען נישט ווייטער לעבן
פול מיט פּחד און מיט שרעקן! —

הויבט אַביעזר אָן זיך בעטן,
זיינע אויגן פול מיט טרערן:
— ליבסטע מיינע, זאָלסט, איך בעט דיך,
פון דעם קעסטל מער נישט קלערן.

זאָלסט זיך שטאַרקן, ווייל מען טאָר נישט
לאָזן סם מיט וואונדן אָפן! —
צוריקגעפירט זי אין איר צימער
און געבעטן: — לייג זיך שלאָפן!

ס׳וועט דער שלאָף דיין מחלה היילן,
אויפשטיין וועסטו מיטן מאָרגן,
אַ געזונטע און אַ פרישע,
אויסגעטאָן פון אַלע זאָרגן.

פון דעם קעסטל קלער גישט מערער,
ווייל מחשבות פרעסן, דריקן —
איך וועל בעטן. וועט דער בורא
אַ רפואה פאַר דיר שיקן! —

## לח. אביעזר עפנט פאַר זיין ווייב דאָס קעסטעלע, און דאָס מייזל אַנטלויפט

שטיל אין צימער, שטילע סודות
וועבן זיך אין אָוונט־טונקל,
ווי אַ בעטלער אויף די וועגן —
אַביעזר אין דעם ווינקל.

שטאַמלט עפּעס מיט אַ תּפילה
און ער בעטלט אַ ישועה:
— זאָל דער אויבערשטער אים שיקן
פאַר זיין ווייב איצט אַ רפואה.

זאָל אַ שלאָף זי איצט פאַרוויגן,
אין אַ מאַנטל זי פאַרהילן,
מיט חלומות גוטע, זיסע
זאָל איר ווייַ אין האַרצן שטילן.

זאָלסט פון אונז, אָ גאָט פון רחמים,
אויסמיידן יעדע סכּנה! —
אַביעזרס אויגן טרערן —
יעדער טראָפּן אַ כּוונה.

נאָר גאָר פּלוצלונג — אַביעזר
רייסט זיין שטילע תּפילה איבער...
ס'קרעכצט זיין ווייב און קען נישט שלאָפן:
— אַביעזר, קום, מיין ליבער!

גיב דעם שליסל פון דעם קעסטל,
קיינער וועט דערפון נישט וויסן!
כ'וועל אַביסעלע דאָס טירל
פון דעם קעסטעלע אויפשליסן.

ווייל מיין האַרץ קען מער נישט ליידן —
אָטאָ פיל איך: איך מוז פּלאַצן!
ס'קלאַפּט מיין בלוט, ווי זעלנער-פּויקן,
און מיין אינגעווייד ווי טאַצן!

און דער מלך וועט אַוודאי
פון דער מעשה גאָרנישט וויסן! —
און זי הייבט אָן שרעקלעך וויינען,
גאַנצע ימים טרערן גיסן.

אַביעזר איז צעטומלט,
ס'האָבן טרערן אים גענומען,
צו דעם קעסטל זיינען ביידע
שטיל און פאָרכטיק צוגעקומען.

דרייט דעם שליסל אַביעזר,
און עס ציטערן די פינגער:
— זאָלסט מיך, כ׳בעט דיך, גאָט, נישט שטראָפן,
כ׳וויל נאָר איר זאָל ווערן גרינגער! —

אָבער פּלוצלונג, ווי אַ כּישוף —
גיט אַ שפּרונג אַרויף דאָס דעקל...
אַביעזרס פרוי צעשרייט זיך,
און אַ מייזל מיט אַן עקל

טוז... אַ קוויטש! און שוין פאַרשוואונדן!
דורכן לייב לויפט דורך אַ ציטער...
אַביעזרס פרוי צעוויינט זיך
אַזוי יאָמערלעך און ביטער.

— דו, אַ גזלן, ביסט נאָר שולדיק!
צוליב דיר האָט אַלץ געטראָפן,
האָסט צו שטאַרק אַ דריי געגעבן,
ס׳טירעלע געווען צו אָפן! —

ענטפערט אָפּ איר אַביעזר:
— ווי אַזוי גאָר קענסט עס קלערן?
כ׳האָב געוואָלט דיר די מחשבות
פון דעם קעסטעלע צעשטערן.

אביעזר מיט זײַן װײַב עפֿענען דאָס קעסטעלע



ניִשט געפֿאָלגט מיך, האָסט מיט טרערן
צוגעפֿירט צו דער סכּנה —
האָסט געמיינט, ס׳וועט קיינער וויסן,
און צום סוף האָט די לבֿנה

פֿון דעם הימל צוגעלויכטן
דורך די גרויסע פֿענסטער־שפּאַלטן —
ניין, מען קען נישט אַזאַ עוולה
פֿאַר דער גאַנצער וועלט באַהאַלטן!

## לט. דער סוד פון דעם קעסטעלע

איז דער מלך מיט דער מלכּה
נאָכן סוף פון דריי מעת־לעתן
צוגעקומען צוריק צום שטיבל;
אַביעזר איז געזעסן

מיט זיין פרוי ביים אָפן קעסטל,
אין אַ שווערן צער פאַרזונקען,
קאַלעך־בלייכע, ווי די מתים
נישט געגעסן, נישט געטרונקען...

אַביעזרס פרוי איז לאַנגזאַם
צו דעם מלך צוגעקראָכן:
— גרויסער מלך, כ׳בין נישט שולדיק! —
האָט זי שטום די הענט פאַרבראָכן.

— כ׳בין פון צער אַזש קראַנק געוואָרן,
וואָס ביי אונז האָט דאָ פאַרלאָפן;
איך בין זיכער, אַז דאָס מייזל,
וואָס פון קעסטל איז אַנטלאָפן,

האָט געוויס אַ סוד פֿון כּישוף
אין זיין פּיסקעלע באַהאַלטן;
ביי מיין לעבן! כ׳האָב דעם שליסל
אין מיין האַנט גאָר נישט געהאַלטן! —

— אַביעזר! — זאָגט דער מלך —
דו מוזסט אַלצדינג מיר דערציילן,
ווי און וואָס אַזוינס געשען דאָ,
זאָלסט קיין זאַך פֿון מיר פֿאַרהוילן.

רופֿט זיך אָן דאַן אַביעזר:
— איך וועל אַלץ דעם מלך זאָגן
איך אַליין נאָר בין דאָ שולדיק,
און די שטראָף מוז איך נאָר טראָגן.

נישט געפֿאָלגט דעם מלכס ווערטער,
מיין ווייבס ווילן נאָכגעגעבן, —
זאָל דער מלך איר נישט שטראָפֿן
און זאָל שענקען איר דאָס לעבן.

איך בין שולדיק, מיך באַשטראָף נאָר,
ווי דו מלך ווערסט פֿאַרלאַנגען!
איך בין מקריב איצט מיין לעבן,
ווייל די זינד בין איך באַגאַנגען! —

לאַכט דער מלך זיך פונאַנדער:
— אַביעזר, בלייב אין שלום,
זאָל דיר דוכטן, אַז געוועזן
איז עס נאָר אַ בייזער חלום!

איך האָב אייך געוואָלט נאָר פּרוּוון,
איך האָב אַלץ פאָרויס געלעזן,
ס'וועט די מלכּה אייך דערציילן,
ווי אַזוי דאָס איז געוועזן. —

ווי פאַרענדיקט האָט די מלכּה
אַלע פּרטים צו דערציילן,
האָט דער מלך אויסגערופן:
— איצטער איז קיין סוד פאַרהוילן!

אַלע ווייסן, אַלע זעען,
מיינע ווערטער ריכטיק זיינען —
אַז צעווישן טויזנט פרויען
איז קיין רעכטע נישט פאַראַנען! -

משפילט פארן מלך שלמה

## מ. אונטער דעם שלייער פון שלמהס פרייד...

מיינט נישט, קינדערלעך, אַז אייביק
איז ביי שלמהן אַזוי פריילעך;
טרעפן צייטן, ווען דער אומעט
נאָגט אין האַרצן פון דעם מלך.

און אַ צער אַ טיפער בויערט,
קיינער קען פון דעם נישט וויסן; —
שווייגן סודות — מיט עקשנות
האָט זיי ווער געמוזט פאַרשליסן.

שווייגט אויך נאַכט אין שלמהס פּאַלאַץ,
און דער מלך קען נישט שלאָפן...
ציילט פאַרקלערטערהייט די שטערן
דורכן פענסטער, וואָס איז אָפן.

ווי פון שטערנס, הויך אין הימל,
בלויער חסד וואָלט געריזנען —
אין דעם מלכס האַרץ געטראָפן,
זיידן־פעדעם דאָרט געשפּונען...

װעבט דער מלך אײן זײן אומעט
אין די פּעדעם, װעלכע שטומען,
װי אַ מײדל אַ פֿאַרבענקטע
העפֿט איר ליבע אײן אין בלומען.

ליִיענט נאַכט אין הימל איבער —
שטיל, אַז קײנער זאָל נישט הערן;
גרײכט דעם מלכס אומעט העכער —
לעשן גלײך זיך אױס די שטערן.

נעמט דער מלך דאַן זײן פֿידל,
שפּילט באַגײַנענדיקע לידער;
פֿילט דער מלך, װי עס װערט אים
אױפֿן האַרצן לײַכטער װידער

טראַכט זיך שלמה: „פֿרײד און אומעט,
ס'קען אױף װעלט קײן זאַך נישט זיגן;
ס'איז דאָס האַרץ פֿון מענטש אַ װאָגשאָל,
האַלט זיך כּסדר אין אײן װיגן.

אַלע קומען פֿון אײן אָרט דאָך,
און דעם סוד קען קײנער װיסן;
אַלע ריטשקעלעך און טײַכלעך
צו אײן גרױסן ים נאָר פֿליסן.

ווי די ריטשקעלעך, אויך שטראָמען
פון די אויגן שנירלעך טרערן...
יאָרן גייען, יאָרן קומען,
און דער ים וויל פול נישט ווערן...

זונען צינדן זיך אין מזרח
און אין מעריב גייען אונטער —
אויף צומאָרגנס פריש געבוירן
שיינען זיי אויף ווידער מונטער.

שטערן אויפן גרויען הימל
לעשן בלאַסע זיך באַגינען —
און אין אָוונט, זילבער־גלאַנציק,
קענט איר ווידער זיי געפינען.

אַזוי קרייזן אום אין האַרצן
די מחשבות ביי דעם מענטשן: —
אָט פאַרשעלט ער יענע רגע,
וואָס ער וועט זי שפּעטער בענטשן.

קלוג צי נאַריש — גאָט דו גרויסער!
ווער קען זיך פונאַנדערקלייבן?
ס׳וועלן סיי־ווי די חכמים,
ווי די בלינדע אייביק בלייבן!

אין דער פינצטער שטענדיק שאפן,
זוכן, בלאנקען צווישן ווענט, —
ס'וועט איין חכם ביי דעם צווייטן
אייביק הארבע קשיות פרעגן".

אויפן שטערן פון דעם מלך
האט א קנייטש זיך אויסגעצויגן, —
ווי צום דרימל, האט ער לאנגזאם
צוגעמאכט די שיינע אויגן.

✠

אט אזוי, א קינדער ליבע,
אונטער שלמהס מלכות-שלייער —
שלאפן ספיקות, הערשט אן אומעט,
שפרייט זיך רחבותדיק דער טרויער...

טיפע נעכט, ווי שווארצע וואונדן,
וויקלט שלמה אויף אין חלום; —
קרעכצט פארצווייפלט אויס קהלת:
„ס'איז אלצדינג הבל-הבלים!"..

נישט געוואלט דער קליגסטער מלך
אזוי גרינג זיך אונטערגעבן;
האט מיט חכמה זיך פארמאסטן
קעגן גורל פון זיין לעבן

שלמה המלך פארטראכט זיך
וועגן דער וועלט

ס׳איז אַ סך נאָך צו דערציילן
פון דעם מלכּס קלוגע פּלענער;
פון די טורעמס אויף די אינזלען,
שמועסן פון הינט מיט הענער,

און פון קציעהן דער פּרינצעסין,
פון דעם מלכּס לעצטע יאָרן,
ווי ער האָט זיין קרוין געוואָרפן
און אַ בעטלער גאָר געוואָרן...

איך וועל אַלצדינג אייך פאַרציילן,
אַלע מעשהלעך געקליבן —
און פאַר אייערטוועגן, קינדער,
אין אַ צווייטן בוך באַשריבן.